שנה ג׳
**גליון מ״ח**

**משפטים-תרומה**
תשפ״ד לפ״ק

בעזהשי״ת


# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א


גליון פנימי • י״ל ע״י ׳מערכת קהלת יעקב׳ דחסידי פאפא


**עלון מורחב**

לקראת יומא דהילולא קדישא של כ״ק מרן אדמו״ר הויגד יעקב זצוק״ל, וכינוס חסידי פאפא בעיר פאפא יצ״ו





**שיחות קודש**

שיחת קודש עם הגה״ח ר׳ יעקב אליעזר דירנפעלד ז״ל יליד עיר פאפא יצ״ו אדר א׳ תשע״ו



**זכרונות מהתייסדות ביהמ״ד וחצר עץ חיים בעיר פאפא יצ״ו**

**דברות קודש**

**דברי הכנה**
לפני מסע הקודש שנת תשפ״ב ושנת תשפ״ד לפ״ק

**דברי התעוררות**
אצל ציון הק׳ של מרן הויגד יעקב זי״ע אצל מסע התורמים ׳מצמיח ישועות׳ ערב ר״ח סיון תשפ״ג

**חסידים דערציילן**

**ירח האיתנים בצל הקודש** / כשם שהתלמיד קרוי **בן כך הרב קרוי אב** / הדבק בחכמים / רודף שלום / **ויתן ויחזור ויתן** / בדרכי החינוך / **לב טוב** / על החולים שיתרפאו / **שלחנות הטהורות** / ציון המצויינת / **ממלא מקומו בקודש** / המקושרים לאילנא דחיי / **מליבא לפומא לא גליא**


שיחת קודש בעת שנכנס **הגה״ח ר׳ יעקב אליעזר דירנפעלד ז״ל ראה״כ דחסידי בעלזא תל-אביב**[א] בקודש פנימה אצל כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

יום ד׳ פרשת כי תשא תשע״ו לפ״ק

**מרן שליט״א**: די צייט לויפט, די צייט שטייט נישט; אבער אז מ׳קען זאגן מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף אז מ׳האט עפעס אויפגעטון, דארף מען לויבן דעם אויבערשטן.

**הגר״א דירנפעלד**: כ״ק מרן זצוק״ל איז איינגעשטאנען ביי מיר שטוב יו״ט שבועות תשי״ז אין תל-אביב, די לעצטע יאר פון כ״ק מרן מבעלזא זי״ע.

**בנו הרה״ג ר׳ אהרן דירנפעלד שליט״א ר״מ ישיבה ברכת אהרן דחסידי בעלזא**: מיין מאמע האט דערציילט אז זי איז דאן געווען א לערערין אין ׳בית יעקב׳, און פלוצלונג אינמיטן לערנען האט מען ארויסגערופן זאגן אז דער רבי וויל איר זאגן א יישר כח פאר די אכסניא; איידער דער רבי ז״ל איז אוועקגעפארן איז ער געקומען צום בנין פון בית יעקב, ווייל דער רבי ז״ל האט איר געוואלט זאגן א יישר כח, ס׳איז געווען א שטיק וועג פון די אכסניא.

**הגר״א דירנפעלד**: אין ישיבה אינדערהיים אין פאפא האב איך געלערנט בחברותא מיט פרע״ח הב׳ הקדוש משה הי״ד זון פון רבי׳ן ז״ל.

**מרן שליט״א**: דער טאטע ז״ל האט קיינמאל נישט גערעדט פון די ערשטע משפחה. ערב יום הקדוש האט דער טאטע

**א.** יליד עיר פאפא יצ״ו, בנו של הגה״צ רבי אברהם דירנפעלד זצ״ל רב דביהמ״ד חברה ש״ס בעיר פאפא, שהיה אדוק ומקושר אל כ״ק מרן הויגד יעקב זי״ע.

ז"ל געצינדן לעכט פאר די נשמות אבער ער האט נישט גערעדט פון די משפחה, דער טאטע ז"ל האט געהאלטן אז מ'דארף נישט רעדן דערפון; ס'איז געווען א שיטה.

איינמאל האט דער טאטע ז"ל געטראפן א איד וואס האט אים געגעבן שלום, און יענער האט דערציילט אז ער האט געזען ר' משה הי"ד אין אוישוויץ, ער איז געזעסן ביי א בוים און ער האט געלערנט עפעס אויסעווייניג, איז דער איד צוגעגאנגען צו אים און ער האט אים געפרעגט ווער ער איז, האט ער אים געזאגט אז ער איז פאפא רב'ס זון, האט ער אים געפרעגט: "וואס טוסטו דא?" האט אים ר' משה געזאגט: "איך בין אן אייניקל פונעם ערוגת הבשם, און ער האט געלאזט צוואה אז מ'דארף לערנען אן 'עולם הבא מסכת' (הכנה דרבה אות ז)[ב], ממילא חזר איך מיין עולם הבא מסכת". דער איד האט עס דערציילט פאר'ן טאטן ז"ל, און דער טאטע ז"ל איז געווען אביסל צובראכן דערפון[ג].

---

**ב.** ראה שם לשון קדשו של כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע בהצוואה הק': מה טוב ומה נעים לכל תלמיד חכם, שיקבע לו מסכת אחת מש"ס שיבחר להיות בקי בה בעל פה, באופן שיתקיים בו במסכת זו מצות עשה ושננתם (דברים ו, ז) שדרשו רז"ל (קידושין ל.) שאם ישאלך אדם שלא תגמגם, וילמוד במסכת זו כל ימיו דף אחד או עמוד אחד עם פירוש רש"י ותוספות ויחזור כן חלילה. ושמעתי שהיה המנהג כן בתלמידי חכמים קדמונים, והיה קורין למסכת זו שבחרו להם להיות בקי בה "עולם הבא מסכת". וגם הגאון אמרי אש זצ"ל היה מתנהג כן, ואמרו עליו כשהיה לומד מסכת הנ"ל עם הישיבה שלו לשיעור עיון, מכל מקום לא החדיל מללמוד דף אחד ממסכת הנ"ל בפני עצמו בשביל טעם הנ"ל.

**ותלמיד** חכם שהגיע להוראה, מה טוב שיתנהג כן גם בהילכתא אחת בשלחן ערוך. ומצינו בגמרא במסכת בבא מציעא (דף פו.) גבי רבה בר נחמני דאמר אני יחיד בנגעים, והכריע בדעתו פלוגתא במתיבתא דרקיע, ומסתמא לא אמר כן כדי להתפאר אלא כדי שישמעו ויאזינו התלמידי חכמים, וכל אחד ואחד ישתדל שיהיה בקי בהילכתא ובמסכת אחת על כל פנים שתהיה מיוחדת אליו. ומזה אסמכתא נכונה להנ"ל, ואף על פי שאין ראיה לדבר זכר לדבר.

**וראה** גם כן מה שכתב בזה כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בהצוואה הק' צדה לדרך (אות ל סעיף ז): עולם הבא מסכתא. כתב בספה"ק הכנה דרבה (אות ז לכ"ק אאמו"ר זצללה"ה, דהמנהג היה בתלמידי חכמים קדמונים, שכל אחד בחר לו איזה מסכת להיות בקי בה היטב, וקראה עולם הבא מסכת. ומצאתי סמך לזה בתיקוני זוה"ק בהקדמה (דף יד:) שכתב וז"ל, וכל מאן דזכה להלכה חד ירית עלמא חד, כל שכן מאן דזכה למסכת חדא או לתרין או לשתין וכו', דכל מסכת מטרנותא איהי בגרמה, זכאה איהו מאן דירית לה בהאי עלמא, עכ"ל.

**ג.** ראה בספר שיחות יקרות ויחי יוסף (עמוד ריד), מה שסיפר הגה"צ רבי שמואל אפרים אונגער זצ"ל דומ"ץ שיכון סקווירא: פעם כשבאתי אל מרן ז"ל מצאתיו שהוא שרוי במצב רוח מדוכא מאוד (זייער צוגעלייגט). על שאלתי: "האם הרבי אינו מרגיש בטוב?" ענה לי מרן: "לא, רק נשבר לי בקרבי". והמשיך ואמר: אגלה לך הסיבה לכך, היום הייתי אצל ברית מילה בשכונת בארא פארק, ואיש אחד ניגש אלי ושאל אותי האם היה לי בן בשם 'משה', והשבתי כן. לשמע תשובתי סיפר לי האיש: בשנת תש"ד לפ"ק כשהיינו במחנה עבודה אצל הרשעים ימ"ש, ראיתי פעם אחת בחור צעיר יושב על אבן, ושפתיו רחושי מרחשין. ניגשתי אליו ושאלתי אותו: "מי אתה?" ענה לי: "שמי משה גרינוואלד והנני בנו של הרב מפאפא". שוב המשכתי לשאול: "מה שפתיך ממללין?" השיב לי: "הנה זקיני מרן הערוגת הבשם זי"ע כותב בצוואתו הכנה דרבה שכל אחד יברור לו מסכת אחת, ויחזור עליה תמיד, ויהיה בקי בה, ונקרא עולם הבא מסכת. ואני ביררתי לי את מסכת מגילה, וכעת הנני חוזר עליו". וסיים מרן ז"ל: "כששמעתי זאת האב איך נישט געקענט אויסהאלטן". לאחר שהתבונן מרן רבינו איזה דקות, נענה: "נו! בין איך דען עפעס מער ווי אן אנדערע איד".


בס"ד

# לוח השבוע

והגית בו יומם ולילה

פרשת משפטים תשפ"ד

והגית טעלעפאן סיסטעם
718-977-5555

והגית
כי הם חיינו ואורך ימינו
מפעל הלימוד והחזרה
דק"ק קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת נדרים – סדר א' – עמוד ליום – שיעור היום | חזרת החודש | מסכת שבועות – סדר ב' – דף ליום – שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | סד: | נד: | מ | כב |
| מאנטאג | סה. | נה. | מא | כג |
| דינסטאג | סה: | נה: | מב | כד |
| מיטוואך | סו. | נו. | מג | כה |
| דאנערשטאג | סו: | נו: | חזרה | |

הבחינה הבא:
זונטאג תרומה
ב' אדר א' תשפ"ד
סדר א' – עמוד ליום
בחינה
נדרים דף נ"ז. – ס"ו:
חזרה בחינה
נדרים דף מ"ז. – נ"ו:
סדר ב' – דף ליום
בחינה
שבועות כ"ו – מ"ג
חזרה בחינה
שבועות ח' – כ"ה

בס"ד

# לוח השבוע

והגית בו יומם ולילה

פרשת תרומה תשפ"ד

והגית טעלעפאן סיסטעם
718-977-5555

והגית
כי הם חיינו ואורך ימינו
מפעל הלימוד והחזרה
דק"ק קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת נדרים – סדר א' – עמוד ליום – שיעור היום | חזרת החודש | מסכת שבועות – סדר ב' – דף ליום – שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| יומ"ד מרן הויג"י זי"ע זונטאג יום הבחינה | סז. | נז. | חזרה | |
| מאנטאג | סז: | נז: | מד | כו |
| דינסטאג | סח. | נח. | מה | כז |
| מיטוואך | סח: | נח: | מו | כח |
| דאנערשטאג | סט. | נט. | מז | כט |

הבחינה הבא:
זונטאג פקודי
אדר"ח אדר ב' תשפ"ד
סדר א' – עמוד ליום
בחינה
נדרים דף סז. – עו:
חזרה בחינה
נדרים דף נז. – סו:
סדר ב' – דף ליום
בחינה
שבועות מד – עבו"ז יג
חזרה בחינה
שבועות כו – מג

*

**בנו ר"א דירנפעלד**: ווען דער ויגד יעקב איז אנגעקומען, האט מיין זיידע ר' אברהם דירנפעלד אים אוועקגעגעבן די ישיבה. דער זיידע האט געהאט א ישיבה גדולה נאך איידער דער ויגד יעקב איז אנגעקומען קיין פאפא, און ווען דער ויגד יעקב איז אנגעקומען קיין פאפא, האט דער זיידע אוועקגעגעבן די גאנצע ישיבה גדולה פאר'ן ויגד יעקב.

היינט געבט מען נישט אוועק, היינט וויל מען נאר נעמען... אבער דער זיידע האט געהאט א ישיבה פון צוויי הונדערט בחורים און ער האט אלעס אוועקגעגעבן, פאר זיך האט ער דאן געמאכט א ישיבה קטנה.

מיין טאטע (הגה"ח ר' יעקב אליעזר) פלעגט ברענגען פירות יעדע פרייטאג צונאכטס ביים טיש פאר'ן ויגד יעקב, דער זיידע האט געשיקט דעם טאטן מיט פירות.

דער ויגד יעקב פלעגט טאנצן יעדע וואך פרייטאג צונאכטס נאכ'ן טיש אויף 'רננו צדיקים' [ד]. איינמאל נאכדעם וואס מיין טאטע האט זיך פארהערט מסכת נדרים, האט דער ויגד יעקב גענומען דעם טאטן און געלייגט אויפ'ן פענסטער און געטאנצן מיט אים, דער ויגד יעקב האט געזאגט אז ער טאנצט מיט מסכת נדרים; דער ויגד יעקב האט געזאגט פאר די בחורים: "קוקטס אן אזא יונגל!"

דער טאטע האט געלערנט ביים רבי'ן ז"ל דארט אין פאפא, און אויך שפעטער אין אנטווערפן.

**הגרי"א דירנפעלד**: די ישיבה קטנה האט מיין טאטע געעפענט נאר אפאר יאר שפעטער.

**מרן שליט"א**: דער קאמארנער רבי הרה"ק רבי יעקב משה זי"ע האט צוגערעדט די בעלי בתים אין שטאט אויפצונעמען דער ויגד יעקב פאר רב אין פאפא.

**הגרי"א דירנפעלד**: ס'איז געווען וואלן אין שטאט פאפא ווען אויפצונעמען, דער חסיד'ישער עולם האט געוואלט דעם ויגד יעקב, און די אנדערע האבן געוואלט הג"ר שמואל גאטליעב זצ"ל, דער רוב האט געוועלט ר' שמואל גאטליעב, אבער דער חסיד'ישער עולם איז נישט געווען צופרידן... האט מען געוואלט מאכן א באזונדערע קהלה אין שטאט וואס דער ויגד יעקב וועט זיין רב.

ס'האט מיר דערציילט איינער א קאמארנער חסיד אז ווען דער רבי יענקעלע קאמארנער איז געווען אין עסטרייך ערגעץ אין א באד, זענען אריבערגעקומען דארטן אפאר חסיד'ישע יונגעלייט רעדן וועגן די נושא, און דער קאמארנער רבי האט זיי געזאגט אז ער האלט אז מ'זאל נאכנישט מאכן נאך א קהלה נאר מ'זאל צוואווארטן אביסל, אבער דער עולם האט נישט געהאט קיין געדולד און מ'האט תיכף אויפגענומען דעם ויגד יעקב, און מ'האט געמאכט א באזונדערע קהלה. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז א קורצע צייט שפעטער איז דער ר' שמואל גאטליעב נפטר געווארן, און דאס איז מסתמא געווען די כוונה פונעם קאמארנער רבי אז מ'זאלווארטן אביסל.

**מרן שליט"א**: מ'האט געמאכט דעמאלטס א נייע בית המדרש, נישט ווי אן עמטליכע קהלה, נאר מ'האט געמאכט אזא ביהמ"ד פאר זיך, אבער די הכשרים וכדומה איז געווען איינס מיט די עמטליכע קהלה.

**הגרי"א דירנפעלד**: דער ויגד יעקב האט אנגעפירט מיט די הכשרים, אזוי אויך שפעטער האט דער רבי ז"ל געפירט די הכשרים.

ווען דער רבי דער ויגד יעקב איז געפארן זומער אויף די בעדער האט ער געבעטן דעם טאטן [ר' אברהם] זאל זאגן שיעורים אין ישיבה אנשטאט אים [ה].

מיין זיידע הרה"ח ר' הארש האפמאן ז"ל האט געבויט די ביהמ"ד 'עץ חיים'; ס'איז נישט געווען קיין געלט, איז ער ארומגעפארן אין שטעט שאפן געלט, ער איז געשלאפן אין ביהמ"ד אויפ'ן באנק און אזוי געשאפט געלט, און ווען מ'האט געענדיגט שאפן גענוג געלט האט מען געבויט די ביהמ"ד עץ חיים. מיין פעטער הרה"ח ר' יושע האפמאן ז"ל

**וראה** מה שכתב הגה"ח ר' שלמה מאנדל ז"ל על עובדא זו (הימנותא דשלמה עמוד שמא): ולענ"ד אפשר לומר דבר לימוד גדול מסיפור זה, דבודאי שמע רבינו נמי שבנו נעדר, ולא ראה אותו בא משם ל"ע, רק על הגוף לא התאונן כל כך וקיבל גזירת המקום באהבה, רק זהו ששמע עליו שאין פוסק משנתו ומתמיד, זה הציר לו.

**ד.** ראה מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל בהקדמה לספה"ק ויגד יעקב מועדים: גם הריקודין שלו [של מרן הויגד יעקב] בליל שב"ק בזמר רננו צדיקים והתלמידיו סביביו, היה עבודה נאה ונפלאה, ופעם אחת היה בימי חורפו משובתו שב"ק אצל הגה"צ מאונצדארף זצ"ל, וראה הה"צ ריקודיו, ואמר אחר זמן לתלמידיו "ער טאנצט שיין".

**ה.** ראה מה שכתב בזה הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל הרב ממאנטרעאל (בהסכמה לספרו של ר' אברהם 'בית ישראל'): הרב הגאון ממש לא פסק פומיה מגירסא, וראינו שכמה פעמים הלך קצת לטייל באשמורת הבוקר כאשר אין בני אדם מצויים בשוק ולא פסיק מגירסא, ואף אחר גדולתו בתורה ויר"ש עמד לפני כ"ק מו"ר בעל ויגד יעקב כעבדא קמיה מרא, ואף שהיה מורה הוראה מובהק לא רצה לפסוק אפילו הלכה פשוטה, שלא יהיה ח"ו מורה הוראה לפני רבו. ובימי הקיץ כאשר כ"ק מו"ר בעל ויגד יעקב נסע להנפש לחזק בריאותו, היה הרה"ג לומד השיעורים לפני הבחורים, וכן היה הפוסק להשאלות אשר היו רגילין לבא לפני כ"ק מו"ר


בס"ד
המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש היא
מקום שהתפללו בו אבותינו ורבותינו
השב שבות אהלי יעקב והושיענו למען שמך
ביהמ"ד עץ חיים
- וחצר רבותינו הקדושים זי"ע -
בעיר פאפא, אונגארן יצ"ו
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
Petőfi Sándor utca 19, Pápa, Hungary
תאו ואתכנשו להילולא דרבי
מקדמים אנו בברכה נאמנה את המוני אנ"ש תלמידי חסידי ומעריצי בית פאפא
שנקבציו ובאו מרחבי תבל לעשות את השבת הגדול והקדוש בצלא דמהימנותא עילאה
שב"ק משפטים - ב דר"ח אדר א'
בחצרות רבותה"ק בעיר פאפא יצ"ו
בהאי שעתא הננו מזמינים את כל האורחים היקרים
להתאסף ברוב עם הדרת מלך - תלמידי תלמידים הקרויים בנים
להעלות נר תמיד ולהתקשר בנשמת הצדיק ע"י הזכרת תורה ומעשים טובים מפעולות צדיק לחיים
במוצאי יום מנוחה - ב' אדר א'
שלחן הטהור
וסעודת הילולא
לרגל יומא דהילולא של כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק הויגד יעקב זצוק"ל
בשאטער הגדול שהוקם בהחצר
בראשות עטרת ראשינו
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
וישמיע דברות וברכות הקודש
סעודת מלוה מלכה מפוארה
- ומעמד הכנה דרבה קודם העלי' לציון הק' -
בכבוד רב - וועד הבית המדרש
שירות ותשבחות
ע"י מקהלת בית פאפא
שירה ורקידה בתופים ובתחולות
משא המעמד
נואם בחסד עליון
הרה"ג מנשה ישראל רייזמאן שליט"א
מגיד מישרים בירושלים עיה"ק
לעורר רחמים ולפעל ישועות להכלל והפרט אמן!
רחמנא אידכר לן זכותי' דיעקב שלימא
שב"ק משפטים
עזרת אבותינו
מסע הקודש של
כ"ק מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א

האט שפעטער געבויט די מקוה אין 'עץ חיים'; די ערשטע מקוה איז געווען מחוץ לעיר, איינער ראזענבערגער איז געווען דארט דער מקוה-איד, רוב מאל איז די מקוה מחוץ לעיר געווען קאלט, און דאס איז געווען חוץ דעם וואס מ'האט געדארפט גיין אינדרויסן פון שטאט א פערטל-שעה.

**מרן שליט"א**: די מקוה איז געווען נעבן די טייך, מ'האט גענומען די וואסער אין מקוה פון טייך.

**הגרי"א דירנפעלד**: יא, יא, און רוב מאל איז די מקוה געווען קאלט, דערפאר האט מיין פעטער ר' יושע האפמאן געמאכט א מקוה דארט אין הויף פון 'עץ חיים'.

**מרן שליט"א**: יא, דארטן אין די הויף איז טאקע געווען ווארעם.

דאכט זיך מיר אז כ'האב געהערט פון די וואס זענען געווען אינדערהיים אין פאפא, אז זיי געדענקען אז דער טאטע ז"ל איז אסאך מאל געגאנגען ענדערש אין די קאלטע מקוה דארטביים עק שטאט. הרה"ח ר' טובי' יואל שטיינער ז"ל [ב"ב ת"ו] האט מיר דערציילט אז ער איז אמאל מיטגעגאנגען אהין צו באגלייטן דעם טאטן ז"ל צו די מקוה, ס'איז געווען שבת אינדערפרי, מ'האט געטראגן די האנטוך אויפ'ן האלז. ס'איז געווען גאר קאלט, און מ'האט געדארפט א האנטוך זיך אפצואווישן, האט ר' טובי' געגעבן א ווארף די האנטוך פאר'ן טאטן ז"ל, אבער דער טאטע ז"ל האט אים געוויזן אזא תנועה ווי איינער זאגט: "נו! אפווישן?!" דער טאטע ז"ל האט זיך נישט געוואלט אפווישן אפילו אין אזא פראסט.

**הגרי"א דירנפעלד**: דער ויגד יעקב פלעגט זיך דארט באדן אין די טייך פאר רפואה.

**מרן שליט"א**: ער האט שטארק געליטן אויף די הויט ל"ע.

נאך האט מיר ר' טובי' דערציילט, אז ס'איז נאר געווען אפאר גאסן וואו מ'האט געלאזט די בחורים זיך דרייען, מ'האט נישט געלאזט די בחורים גיין איבעראל, ס'איז געווען פארצייכנט ביז וואו מ'קען גיין, אויף די פאסט האט מען נישט געקענט גיין נעמען, נאר איינער האט געבערענגט די פאסט, און דאס האט מען אויסגעטיילט, א בחור האט נישט געקענט סתם אזוי גיין צו די פאסט.

הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל [ראה"כ דחסידי פאפא] האט מיר דערציילט אז ווען דער רב ז"ל [מבעלזא] איז געווען אין פעסט האט זיך געטראפן כסדר בחורים וואס זענען געפארן אויף שבת, און דער טאטע ז"ל האט אנגעזאגט פאר יעדן בחור וואס האט זיך געזעגנט: "זאלסט וויסן אז אין פעסט קען מען נישט גיין אויף די גאס!" דער טאטע ז"ל האט געזאגט אזא לשון: "די גאס איז טריפה! אויב מ'מוז גיין דארף מען לויפן!" אמאל האט זיך ר' יצחק דוד געזעגנט דאנערשטאג, און פרייטאג האט ער געזען אז דער רבי איז אויך דא אויף שבת. דער טאטע ז"ל איז דאן געווען אויפ'ן וועג צום מקוה, און דער טאטע ז"ל איז אויך געלאפן...[ו]

**בנו ר"א דירנפעלד**: ר' יצחק דוד האט געלערנט מיט מיין טאטן בחברותא אינדערהיים אין פאפא.

**מרן שליט"א**: די טריט פון טאטן ז"ל פלעגן צו זיין זייער שנעל, דער טאטע פלעגט צו גיין שנעל. שבת ווען מ'האט געדארפט ערגעץ גיין, פלעגט זיך דער טאטע ז"ל מזמן לזמן געבן א שטעל אפ און זאגן: "פוסעים בו פסיעה קטנה", און נאכדעם ווייטער שנעל געגאנגען; זיך נאכאמאל אפגעשטעלט, און ווייטער שנעל געגאנגען, און אזוי ווייטער.

ווען מ'האט אפגעקויפט די בית המדרש הגדול אויף בעדפארד עוועניו, האבן מיר דעמאלטס געוואוינט א שטיק צייט אויבן אין די הייער העכער די ביהמ"ד, דער טאטע ז"ל האט נישט געוואלט בלייבן דארט להשתקע שם, אבער קודם האט מען דארט געוואוינט, לכאורה האט ער נישט געהאט קיין חשק צו בלייבן דארט ווייל ס'איז געווען העכער א ביהמ"ד, כאטש די שלאף צימערן גופא זענען נישט געווען העכער די ביהמ"ד, דאך האט ער נישט געהאט קיין חשק; האט מען געזוכט צו קויפן א הויז, האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "מ'זאל נישט קויפן א הויז קעגנאיבער די בית המדרש", ווייל דער טאטע ז"ל האט נישט געוואלט אז ווען ער גייט אריבער פון ביהמ"ד צו די אנדערע זייט גאס, זאל ער מוזןווארטן אויף די גאס פאר די קאר'ס וואס פארן אריבער.

**הגרי"א דירנפעלד**: מ'דערציילט דאך אז ווען דער ויגד יעקב האט געוואוינט אין צעהלים האט ער געהייסן פאר די בחורים זאלן ארומנעמען דעם רבי'ן ז"ל, אז ער זאל

---

**ו.** ראה מה שרשם הגה"ח רבי יצחק דוד זצ"ל ברשימותיו (יד כהן - שיחות): זכרתי ימים מקדם, באמצע מלחמת עולם השני' שנת תש"ג שידוע שכ"ק מרן מהר"א זי"ע ברח מפולין לאונגארין ושהה כחצי שנה בפעסט, וכל בחור מפאפא כשנסע על שב"ק לפעסט היה צריך ליטול רשות מכ"ק אדמו"ר זצ"ל, והזהיר את כל אחד ואחד זאלסט זיך נישט ארום דרייען אין דיא גאסן פון פעסט ווייל עס איז טמא און אז מען ברויך ערגעץ גיין זאלסטו לויפן, און צוריק קומען זאלסטו באלד נאך שבת, עכל"ק. והיה נאה דורש ונאה מקיים כי גם אני זכיתי להיות אתו על שב"ק פרשת חזון להסתופף בצל כ"ק מרן מהר"א זי"ע והלכנו יחד עם איזה בחורים בערב שב"ק עם כ"ק אדמו"ר זצ"ל למקוה ברחוב 'קאזינצי' והיה רץ בכל הדרך בהליכתו ובחזרתו והיה לפלא בעינינו וד"ל.

נישט זען וואס טוט זיך אויף די גאס [ז]. דער רבי ז"ל איז געווען א קדוש מרחם נאך פון די יונגע יארן, די רביצין פונעם ויגד יעקב פלעגט צו זאגן אז זי טרעפט אינדערפרי די בעט אזויווי ס'איז געמאכט, ער האט זיך נישט געלייגט שלאפן.

**מרן שליט"א**: שפעטער נאכ'ן בויען די בית המדרש הגדול האט מען געמאכט די נייע מקוה, דאס איז יא געווען ווארעם, און ס'איז עפעס נאכנישט געווען פערטיג, האט דער טאטע ז"ל געקרעכצט: "איי! אמאל האב איך

---

**ז.** ראה מה שכתב הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל רב דקהל חוג חת"ס בספר רשומים בשמך (חלק א' עמוד שיג): בשחר נעוריו של רבינו הויחי יוסף זי"ע, בעמדו סמוך ונראה לגיל המצוות בצאת אביו מורי ורבי הגה"ק ה'ויגד יעקב' זי"ע לנסוע למעיינות המרפא, התאספה קבוצה גדולה ונכבדה מעדת התלמידים ללוות את הרבי, עד לתחנת הרכבת אשר בעיר, אבל בן טיפוחיו "יוספ'ל" ביקש להיוותר ספון בבית ולא לצאת עמו ללוותו בחששו מפני מראית עין אסורה ח"ו, בדרכו בחוצות העיר צעהלים. וזאת יש לדעת כי דרכי צעהלים הקטנה דאז טהורים היו מכל ספיקא דאיסורא, והכל הנהיגו אורחות חייהם בצניעות ובמוסר, ולא היה מקום ליצר להתגדר בו. אולם האב לא הסכים לשבת הבן יקיר בבית, כי חפץ מאוד לראותו בין המלווים, על כן ביקש מהתלמידים שיסובבו את "יוספ'ל" כחומה בדרכם ובשובם מתחנת הרכבת כדי שיוכל לשמור על עיניו כדבעי.






געקענט גיין אין קאלטע מקוואות... אוי, וואס זאל איך טון אז כ'קען שוין נישט, כ'האב שוין נישט קיין כח".

איך זאג כסדר, אז כ'געדענק אז אונז זענען געווען אין סאראטאגע - דאס איז געווען א מעשה שוין פון יארן צוריק - אבער דער טאטע ז"ל איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאן דעמאלטס... שטעלטס אייך פאר! פון ווען די טעקסי האט זיך אפגעשטעלט ביים מקוה - ארויס פון די טעקסי ביז אריין אין די טעקסי - האט געדויערט אויפ'ן זייגער פינף מינוט! ס'איז געווען אז מ'האט געדארפט אריינגיין טיף אין א בנין, די מקוה געווען אין די אונטערשטע חלק פונעם בנין.

דער טאטע ז"ל איז אסאך געגאנגען אין מקוה, מ'פלעגט אים צו טרעפן אינמיטן די נאכט זיך דרייען דארט, די בחורים האבן געטראפן אז איינער דרייט זיך ארום, האבן זיי פארשטאנען אז דער טאטע ז"ל איז געגאנגען אין מקוה.

**בנו ר"א דירנפעלד**: איינער האט געפרעגט כ"ק האדמו"ר הבית ישראל מגור זצ"ל וואס זענען די כוונות המקוה, האט דער בית ישראל געזאגט: "באלד ארויסגיין!"...

**מרן שליט"א**: מ'טוט זיך אויס, און מ'טוט זיך אן...

**בנו ר"א דירנפעלד**: הגאון דער טשעבינער רב זצ"ל האט עפעס אוועקגעמאכט דער ענין פון זיך נישט אפווישן מיט א האנטוך, ער האט געברענגט א ראי' פונעם כהן גדול.

**מרן שליט"א**: יא, אז ביים כהן גדול שטייט (יומא לא:) ונסתפג

**בנו ר"א דירנפעלד**: יא, הגם דארט איז דא אסאך טעמים, כדי ס'זאל נישט זיין קיין חציצה וכו' אבער טשעבינער רב האט געזאגט אז ס'איז גענוג פאר א ראיה אז מ'מעג זיך אפווישן נאך א מקוה. אבער פון אר"י הקדוש שטייט אז מ'זאל זיך נישט אפווישן.

**מרן שליט"א**: יא פונעם אר"י הק' שטייט אז מ'זאל זיך נישט אפווישן, אבער דער אר"י הק' רעדט נאר פון ערב שבת[ח].

**בנו ר"א דירנפעלד**: דער רבי ז"ל האט זיך קיין איין טאג נישט אפגעווישט?

**מרן שליט"א**: קען זיין אז די מעשה איז געווען, ווייל ס'איז געווען שבת.

**בנו ר"א דירנפעלד**: הייסט אז שבת האט זיך דער רבי ז"ל נישט אפגעווישט וועגן סחיטה?

**מרן שליט"א**: צי סחיטה, צי אפשר אויך דער זעלבער טעם פון אר"י הקדוש. שבת איז דאך די מקוה א גרויסער גרויסער ענין.

ר' טובי' שטיינער האט מיר געזאגט אן אינטערעסאנטע זאך, ער האט מיר געזאגט: "כ'וויל עפעס זאגן; דער רבי האט קיינמאל נישט געגעבן א פאטש פאר איינעם, אבער איך האב איינמאל געכאפט א פאטש... פארוואס? וואס איז געווען? כ'בין געשטאנען מיט די מצות פאר פסח קעגנאיבער דעם אויון, און דער רבי האט געשריגן אויף מיר: "שטיין מיט מצות קעגן דעם אויון?!" קיינמאל האט דער רבי נישט געשלאגן, אבער אויף דעם האט ער געשלאגן!"

**בנו ר"א דירנפעלד**: ר' יצחק דוד פריעדמאן האט מיר דערציילט אז יעדע מוצאי שבת אין פאפא פלעגט דער רבי ז"ל רייכערען 'דזשראשעס', און טאמער איינער האט צוויי מאל נישט געקענט האט דער רבי ז"ל געגעבן א פאטש, מ'האט זייער מורא געהאט... אזוי האט ר' יצחק דוד מיר געזאגט.

**מרן שליט"א**: דער טאטע זכרונו לברכה?! דער טאטע? יא?!

**בנו ר"א דירנפעלד**: יא, אזוי האט מיר ר' יצחק דוד דערציילט, און ווער ס'האט נישט געקענט אפאר שאלות האט ער געקענט געבן א פאטש.

דער רבי האט געקענט הגה"ח ר' שמחה בונם בוים ז"ל?

**מרן שליט"א**: א שאלה? יא, זיכער!

**בנו ר"א דירנפעלד**: איך זאג א שיעור 'דף היומי' אין ירושלים עיה"ק ת"ו, און ווען ר' שמחה בוים איז געקומען צו פארן קיין ירושלים איז ער געקומען צו מיין שיעור דף היומי אויף פרייטאג און שבת; איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען וואס איז פשט דערפון, ער איז געווען אן עלטערער איד, ער קען לערנען בעסער ווי מיר; פארוואס קומט ער צו מיין שיעור?...

א יאר איידער ר' שמחה איז אוועק, איז ער געקומען צום שיעור, און ער האט מיר דאן געזאגט: "כ'וועל דיך זאגן פארוואס איך קום; דו זאגסט טאקע זייער גוט, איך האב הנאה פון די שיעורים, אבער די עיקר סיבה פארוואס כ'קום אהער, איז ווייל כ'האב געלערנט ביי דיין זיידן ר' אברהם דירנפעלד, און ביי הפסקה פלעגט ער רופן בחורים זאלן אים פארהערן משניות, די בחורים האבן

---

**ח.** ראה פרי עץ חיים להמקובל הק' רבי חיים וויטאל זי"ע (שער השבת פרק ד): וכשהיה עולה מורי [האר"י הק'] ז"ל מן הטבילה, לא היה מנגב עצמו במטפחת וכיוצא, כי הם מימי שבת, וראוי הגוף לשאוב אותן.

געהאלטן א משניות און מיין זיידע האט זיי געזאגט אויסעווייניג משניות".

האט ר' שמחה בוים ממשיך געווען: "דיין זיידע האט מיר אויך געבעטן אמאל אז כ'זאל אים פארהערן, אבער כ'בין געווען א ווילדע אינגל, האב איך געזאגט אז כ'וויל נישט, כ'וויל מיר שפילן ביי הפסקה. שפעטער ווען כ'בין עלטער געווארן, האט עס מיר זייער געבאדערט, און אז כ'האב געהערט אז זיין אייניקל זאגט א שיעור, האב איך מחליט געווען צו קומען צו דעם שיעור, כדי צו מתקן זיין וואס כ'בין נישט געקומען ביים זיידן"...

דערפאר איז ער אויך געקומען דווקא פרייטאג, ווייל פרייטאג קומט א קלענערע עולם, זונטאג קומען זעכציג-זיבעציג אידן, און פרייטאג קומען דרייסיג, דערפאר האט ער דווקא פרייטאג געוואלט קומען. שפעטער, האט מיר זיין זון מוה"ר יעקב יחזקי' הי"ו פון מאנטרעאל געזאגט, אז ר' שמחה האט פאר אים אויך געזאגט די זעלבע זאך, ער האט אים געפרעגט: "טאטע, וואס דארפסטו אזוי שטארק דעם שיעור? קענסט נישט די גמרא?" האט ר' שמחה געזאגט: "כ'וויל מתקן זיין וואס איך בין נישט געגאנגען צו זיין זיידן". די סארט אידן, די תמימות, איז שוין שווער צו טרעפן היינט.




# סידורו של שבת

- התפלות, עריכת השלחנות, והקידושא רבא -
יתקיימו אי"ה **בהיכל ביהמ"ד** "עץ חיים"

- הסעודות שבת קודש -
סעודת הילולא רבתי ושלחן הטהור מוצש"ק
יתקיימו אי"ה **בהשאטער הגדול** בחצר הביהמ"ד

זמן הדלקת הנרות עש"ק
בשעה 4:48

עריכת שלחן הטהור
בשעה 9:30

מנחה וקבלת שבת
בשעה 5:18

תפלת שחרית
בשעה 9:00

סעודת ליל שב"ק
תיכף אחר אמירת גוט שבת

קידושא רבא
אחר תפלת המוספין

סעודת יום שב"ק - בראשות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
תיכף אחר הקידוש

תפלת מנחה וסעודת רעוא דרעוין
בשעה 4:58

סדר הלימוד מוצש"ק ברוב עם: רבע שעה אחר הבדלה
סעודת הילולא ומלוה מלכה בשעה 9:15

שב"ק משפטים
ר"ח אדר א' תשפ"ד
עזרת אבותינו

שבת עילאה קדישא
בצל הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בחצרות רבותה"ק בעיר פאפא יצ"ו



# נועם שבת המתאחדת בתורתך

במשך השבת המרומם
**ישאו מדברותיהם הנעימים**

- עש"ק בזמן הדלקת הנרות -
הרה"ג ר' **מנשה ישראל רייזמאן** שליט"א
מגיד מישרים
מעיה"ק ירושלים

- קודם קבלת שבת -
הגה"צ ר' **אהרן גרינוואלד** שליט"א
בן כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק זצוק"ל
דומ"ץ דקהלתינו הק'

- אצל סעודת ליל שב"ק ידרשו -
הרה"ג ר' **משה מנחם ווייס** שליט"א
אבדק"ק סאטמאר לאנדאן

הרה"ג ר' **יצחק אהרן גאלדבערגער** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו

- יום שבת קודש -
בשעה 8:50 בבוקר
שיעור בספה"ק ויגד יעקב
ע"י אחד **מרבני אנ"ש** שליט"א

אצל קידושא רבא
הגה"צ ר' **מאיר** שליט"א
בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, דומ"ץ קהלתינו הק'

- סעודת יום שב"ק -
הגה"צ ר' **פינחס חיים** שליט"א
בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, רב קהלתינו במאנסי

שב"ק משפטים
ר"ח אדר א' תשפ"ד
עזרת אבותינו

שבת עילאה קדישא
בצל הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בחצרות רבותה"ק בעיר פאפא יצ"ו

ר' יצחק דוד ז"ל האט מיר געזאגט אז ביי אים פלעגט זיך מיין זיידע פארהערן ביי הפסקה מסכתות אין סדר טהרות; נגעים, אהלות, ועוד.

*

**הגרי"א דירנפעלד**: מיין טאטע ז"ל איז געווען א תלמיד פון דער אונסדארפער רב הגה"ק רבי שמואל ראזענבערג זצוק"ל.

מיין טאטע איז געווען אין מיליטער ביים ערשטן וועלט קריג, ער איז געווען אין איטאליע ביי די בערג, און מ'האט אים אמאל געשיקט אז ער זאל פארריכטן די טעלעפאנען. ער האט אנגעהויבן צו גיין, און אויפ'ן וועג האט ער געזען אז ס'פאלן דארטן קוילן א גאנצע צייט און מ'קען נישט גיין, אבער אין מיליטער איז נישט דא אזא זאך ווי זאגן אז מ'קען נישט גיין; מ'מוז גיין.

אויפ'ן וועג האט ער זיך אוועקגעזעצט און איינגעדרימלט; אין שלאף איז דער אונסדארפער רב געקומען אין חלום און אים געגעבן אן עצה אז ער זאל זיך זוימען אביסל, און ווען ער וועט צוריק קומען זאל ער זאגן אז ער האט עס פארראכטן... איי, ס'איז דאך נישט גוט? וועט מען זאגן אז ס'איז נאכאמאל קאליע געווארן...

אין די זעלבע צייט האט דער אונסדארפער רב געהאלטן אינמיטן א שיעור אין מסכת חולין אינמיטן א שטיקל תוספות, האט ער זיך אפגעשטעלט און געפרעגט אזוי: "וואס זאל א איד טון אז מ'שיקט אים פונעם פראנט אז ער זאל פאררעכטן די טעלעפאנען, און ער קען נישט גיין ווייל ס'פאלן קוילן; זאגן אז מ'קען נישט גיין, איז דאך נישט דא אזא זאך אין מיליטער; האב איך אן עצה פאר אים, אז ער זאל זיך זוימען א שטיק צייט, און צוריקגיין זאגן אז ער האט עס פארראכטן, איי, ס'איז דאך נישט גוט, וועט מען זאגן אז ס'איז נאכאמאל קאליע געווארן"... דאס האט דער אונסדארפער רב געזאגט אינמיטן דער שיעור, און די בחורים האבן נישט געוואוסט וואס ס'איז פשט דערפון.

שפעטער ווען מיין טאטע ז"ל איז צוריקגעקומען קיין אונסדארף, און ער האט דערציילט זיין חלום, האבן שוין די בחורים פארשטאנען וואס ס'איז פארגעגאנגען יענעם טאג ביים שיעור.

א צווייטע מאל בשעת'ן דינען אין מיליטער האט מיין טאטע ז"ל געזען זיין רבי'ן דער אונסדארפער רב בהקיץ! דער אונסדארפער רב האט אים דאן געזאגט אז ער זאל זיך אוועקרוקן פונעם פלאץ וואו ער שטייט, און אויפ'ן פריערדיגן ארט איז דאן אראפגעפאלן א גראנאט.

**בנו ר"א דירנפעלד**: דער וואדקערטער רב הגה"צ רבי שמעון יחזקאל יאקאבאוויטש זצ"ל האט עס דערציילט, אז ער איז געזעסן דעמאלטס ביים שיעור, און אינמיטן דער שיעור האט דער אונסדארפער רב אנגעהויבן רעדן פון די זאכן, און דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט וואס ס'גייט דא פאר.

**מרן שליט"א**: הרה"ח ר' אליעזר אברלאנדער ז"ל האט געהאט א ברודער הרה"ח ר' שלמה ז"ל, דער ר' שלמה איז געווען א משמש ביים אונסדארפער רב. ר' שלמה האט דערציילט, אז ער איז געווען אמאל אין בעלזא, און כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע האט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין רבי'ן דער אונסדארפער רב אויף פארשידענע זאכן, צווישן די שאלות האט דער פריערדיגער רב געפרעגט אויפ'ן אונסדארפער רב צי ער גייט מיט א גארטל, האט ר' שלמה געזאגט אז ער גייט נישט מיט קיין גארטל. ווען ר' שלמה איז צוריקגעקומען און עס איבערגעזאגט פאר'ן אונסדארפער רב, האט דער אונסדארפער רב אויפגעמאכט זיין רעקל, האט ער געזען אז אונטערן רעקל איז ער יא געגאנגען מיט א גארטל.

**הגרי"א דירנפעלד**: ער האט געהאט א פאסיק.

**מרן שליט"א**: יא יא, ער איז געגאנגען מיט אזא סארט פאסיק ארום די הויזן[ט].

**הגרי"א דירנפעלד**: דער אונסדארפער רב האט געשיקט א בריוו פאר'ן פריערדיגער רב ז"ל, און דער פריערדיגער רב ז"ל האט געליינט דעם בריוו, און מ'האט אים פארגעשטעלט וויאזוי דער אונסדארפער רב זעט אויס, האט דער פריערדיגער רב געזאגט: "פאר דעם אליין וואס דער איד איז זיך מצער פאר צרות ישראל, איז כדאי אז משיח זאל שוין קומען!"

דער אונסדארפער רב איז נאך געפארן קיין צאנז צו הרה"ק מצאנז זי"ע, שפעטער איז ער געפארן צו הרה"ק דער שינאווער רב זי"ע. האט דער אונסדארפער רב געזאגט אז ביים צאנזער רב האט ער גארנישט געקענט צו גיין, ווייל ס'איז געווען אן אש להבה, אבער ביים שינאווער רב איז שוין געווען אזויווי ברענעדיגע קוילן, האט ער שוין געקענט עפעס קונה זיין.

**ט.** עובדא דומה ממש אירע כשהתעניין מרן מהרי"ד זי"ע אצל הגה"צ רבי שמעון יחזקאל יאקאבאוויטש זצ"ל אב"ד וואדקערט אודות אם הרב מאונסדארף לובש אבנט, והשיב בשלילה, ומשחזר לאונסדארף הראה לו הרב מאונסדארף את אבנטו, ואמר לו: "הנה תראה, שיש לי 'רימאנד' (חגורה-אבנט) על המכנסיים".

דער שינאווער רב האט אים געהייסן אז ער זאל נעמען קוויטלעך, ביי אים איז דאך געווען אפענע מופתים אן א שיעור.

**מרן שליט"א**: דער טאטע ז"ל ברענגט אין איינער פון די הקדמות (הקדמה לספה"ק ויגד יעקב במדבר), אז דער טאטע ז"ל איז געווען אלס בחור מיט'ן זיידן דער ויגד יעקב ז"ל ביים פריערדיגן רב ז"ל, ס'איז געווען אין מאריענבאד, און דער פריערדיגער רב ז"ל האט געזאגט דארט א תורה אויף וואס ס'שטייט אין פרשת ואתחנן (דברים ד, ז) כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו, האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט אז ס'זענען דא פארשידענע מזלות וואס פירן די וועלט, אבער א איד קען אלעס צושטערן, וכלשונו: "מיט איין ערליכן קרעכץ פאר גאט ב"ה קען ער דאס אלעס מבטל זיין!" אזוי האט דער פריערדיגער רב געזאגט ביים תורה[י].

---

י. עיין מה שכתב כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל בהקדמה שם: ושמעתי כעין זה מפי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע כאשר זכיתי עם כ"ק אאמו"ר זצ"ל לשבות אצלו במרחץ מאריענבאד בשנת תרפ"ה בפ' ואתחנן, ואמר בשולחנו הטהור על פסוק ושמרתם ועשיתם כי הוא חכמתכם וכו' כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו וכו' ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת, ויל"ד דהפסוק התחיל במעלות התורה ושמרתם ועשיתם כפרש"י ושמרתם זו משנה כי הוא חכמתכם וכו' וסיים ג"כ במעלות התורה, באמרו ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים, וביניהם באמצע מפסיק לדבר ממעלות התפלה, אשר לו א' קרובים אליו כה"א בכל קראינו אליו דהיינו תפלה. וי"ל ע"פ מאחז"ל (שבת עה.) מצוה






דאס איז געווען עטליכע וואכן פאר די חתונה פון טאטן ז"ל בזוו"ר. עטליכע וואכן שפעטער ביום החופה ווען דער טאטע ז"ל האט שטארק מאריך געווען בתפלה, האט אים דער זיידע ז"ל געזאגט: "האסטו דען נישט געהערט וואס דער רב האט געזאגט, אז מיט איין ערליכער קרעכץ קען מען אלעס אויס'פועל'ן?!"... [יא] דער זיידע ז"ל האט מחנך געווען דעם טאטן ז"ל אז ער זאל זיך אביסל איינהאלטן.

דער טאטע ז"ל האט געדאווענט זייער מיט א קאך, מיט א שטארקע קאך! הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל [רב חוג חת"ס] האט דערציילט; ס'געווען נאכדעם וואס דער טאטע ז"ל איז געקומען קיין פאפא, און הרב אונגער איז שוין נישט געווען דעמאלטס אין ישיבה, אבער ער איז געקומען דארט צום טאטן ז"ל, און ער האט זיך ארומגעקוקט ביים דאווענען און זיך געוואונדערט: "וואס טוט זיך דא? מ'דאווענט אויף אן אנדערע נוסח וואס איז געווען ביז יעצט; ביז יעצט האט מען געדאווענט אזוי מער במתינות, און יעצט שאקלט מען זיך און מ'דאווענט מיט קולות, מיט שרייען הויעך"... [יב]

דער זיידע ז"ל האט דאך אנדערש געדאווענט, דער זיידע ז"ל דער ויגד יעקב האט געדאווענט במתינות, דער פנים

האט אים געברענט אבער דער גוף איז געשטאנען גראד [יג], אבער דער טאטע ז"ל האט געפייערט!

הגם, איך געדענק אז איינמאל איז געווען א בחור וואס האט זייער הויעך געדאווענט, ער האט זיך ארומגעדרייט, און געדאווענט הויעך מיט קולות; זעט זיך אויס אז דער בחור האט עס גענומען פון ערגעץ אנדערש... האט אים דער טאטע ז"ל מבטל געווען און געהייסן אויפהערן...

**בנו ר"א דירנפעלד**: איך האב געלערנט ביי הרב אונגער ז"ל דריי יאר, ער האט אויך געשריגן ביים דאווענען, די גאנצע ביהמ"ד האט אים געהערט, א 'נשמת' האט געקאכט! ער האט דאך געהאט ל"ע אסאך צרות. הרב אונגער האט מיר אמאל געזאגט: "איך האב נישט געהאט קיין איין גוטן טאג נאכ'ן קריג; קיין איין גוטן טאג!"

די 'נשמת' זיינע! ס'נישט געווען א 'נשמת' וואס ס'איז נישט געווארן נאס די ערד אויף זיין פלאץ. פורים האט ער געהאט א מנהג פון זיין טאטן אז ביים טיש האט ער פארגעזאגט 'ונתנה תוקף', און דאס האט מען געקענט אויפכאפן אויף א 'קאסעטע', מ'האט דאס אויפגעכאפט ווי הרב אונגער וויינט דארט, ס'איז אויך דא א 'קאסעטע' פון סליחות וויאזוי ער האט געוויינט דארט, ער האט ממש נישט געקענט קומען צוםווארט.

ער האט א גאנצע טאג גערעדט פונעם ויחי יוסף און פונעם ויגד יעקב. איך בין דאך א בעלזער חסיד, אבער ער האט נישט געלאזט אוועקפארן אויף ראש השנה; וואס האב איך געטון? צוויי וואכן פאר ראש השנה האב איך מיר געמאכט ווי איך שפיר מיר נישט גוט, און כ'בין אהיימגעפארן... די דריטע יאר האט מיר הרב אונגער גערופן ר"ח אלול און געזאגט: "מיינסט טאקע אז כ'ווייס נישט וואס דו טוסט?! איך בעט דיר, דאס יאר טו מיר א טובה; זיי געזונט!"...

יענע איין מאל האב איך געהערט ווי ער האט געדאווענט ראש השנה, ער האט געדאווענט מיט אזעלכע קולות, מיט אזעלכע בכיות. ס'איז דאך אויך דא דער הספד וויאזוי ער האט מספיד געווען דעם רבי'ן ז"ל, דער גאנצער עולם האט געוויינט בכיות נוראות!

*

**הגרי"א דירנפעלד**: פורים האבן די בחורים געקויפט פארן רבי'ן דער ויחי יוסף ז"ל א נייע בעקיטשע, דער רבי ז"ל האט עס אנגעטון און געמאכט א ברכת שהחיינו דערויף.

---

לחשב תקופות ומזלות שנאמר כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים איזה חכמה ובינה שהוא לעיני העמים הוי אומר זהו חשבון תקופות ומזלות, ואמר כ"ק אבי ז"ל שיש ד' ימים בשנה שע"פ הילוך ומזלות כל עניני השנה תלויין בד' ימים אלו, אולם לישראל אין זה מכריע דאף אם המזלות מורין ח"ו על לא טוב יכולין להפוך הכל לטובה ע"י כח התפלה [כך אמר בלשון קדשו "אז אַ איד געט אַ עהליכען קרעכץ פּאַר ג' ב"ה קען ער אַלעס איבערקעהרן צום גוטן"]. ע"כ אחר שאמר הכתוב ושמרתם ועשיתם כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים דקאי על חכמת חשבון תקופות ומזלות, אמר הכתוב מיד אחר זה דלא תימא שאם ע"פ המזלות ח"ו לא טוב צריך שישאר ככה, לא כן אלא כי מי כה"א בכל קראינו אליו, דעל ידי תפלה יכולין לשנות הכל לטובה, עכד"ק.

**יא.** ראה מה שכתב כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ואחיו הגאוה"צ שליט"א בהקדמה לספר הק' ויחי יוסף עה"ת: סיפר כ"ק אאמו"ר זצ"ל שביום שנכנס לחופה האריך בתפילת מנחה זמן ארוך והמתינו עליו עד בוש, ואחרי סיום תפילתו הוכיחו אא"ז מרן בעל ויגד יעקב זללה"ה על פניו שהוא מאריך בתפילתו כל כך, באמרו וכי לא שמעתי מכ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע התורה וכו' אז א איד געט וכו' וא"כ למה אתה מאריך בתפילתך, ואמר אאמו"ר זצ"ל שע"י אותו מעשה זוכר התורה ששמע אז.

**יב.** ראה מה שכתב הגרי"ש אונגער זצ"ל בספרו רשומים בשמך (חלק א' עמוד שיז): אחרי הסתלקותו של מו"ר הגה"ק הויגד יעקב זי"ע באתי לפקוד את הישיבה בהנהגת בנו יורשו ומ"מ ה"ה רבינו יוסף צדיקא (שליט"א [זי"ע], ויהי בעת התפלה אחזתני פליאה למראה התלמידים המלווים את תפילתם בתנועות ידים, כי הרי לא כך ראו עיני אצל מו"ר הויגד יעקב זי"ע שהיה עושה תפילתו עבודת פנים שהוא בלב, ובחוץ לא היתה ניכרת עבודה כל שהוא. בתום התפילה ניגשתי אל המבוגרים שבהם ושאלתים בתמיהה: וכי כך לימד אותנו רבינו זי"ע? ענו ואמרו לי: כזו היא עבודת קדשו של רבינו שליט"א בתפילתו, מלווה היא בנענועי הגוף ובתנועות ידים.

**יג.** בהזדמנות התבטא כ"ק מרן שליט"א: "דער זיידע ז"ל איז געשטאנען ביים דאווענען ווי דער הייליגער רוזינער זי"ע".

**מרן שליט"א**: דעמאלטס האט מען געקענט מאכן א שהחיינו, דעמאלטס איז א בגד געווען א חשיבות [יד].

**יד.** כדאי לציין מה שכתב הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל ברשימותיו (יד כהן - שיחות): כ"ק אדמו"ר זצ"ל לא נהג לברך ברכת שהחיינו על כלי או בגד חדשה מטעם שכתב המחבר בשו"ע סימן רכ"ג ס"ו על דבר שאינו חשוב כל כך כגון חלוק וכו' אין לברך עליהם עיי"ש, ובזמנינו לא החשיבו כ"כ סתם כלים או בגדים, אבל אחר מלחמת עולם השני' כשנסע לחתונת ידידו הרה"ח רבי שמואל פארגעס (נ"י) [ז"ל] [שמסר נפשו עליו להצילו מיד הארורים הרשעים הנאצים ימ"ש] ותפרו לו ראזשעוואלקע חדשה וגם אני הייתי שם, ושמעתי האיך שבירך בשמחה רבה בקול גדול שהחיינו ואמר שחשוב אצלו מאוד אחר המלחמה שלא היה לו עדיין כל בגדי חסידות וד"ל.

ס'נישט געווען אזויווי היינט, ס'איז געווען אנדערע השגות.

אבער ס'איז אינטערעסאנט וואס ס'איז געווען אין יענע יארן. כ'גיי נישט יעצט אריין אין די גדלות פון טאטן ז"ל, אבער מיט די דחקות וואס ס'איז דעמאלטס געווען, איז דא אפאר זאכן וואס מ'האט דעמאלטס געזען, א שטייגער ווי די מעשה מיט די סכך.

ס'געווען גאנץ אנפאנג, ווען מ'האט נישט געהאט קיין געלט דעמאלטס, און די בחורים האבן געקויפט סכך, דאס איז געווען די רערן, ס'איז נאכנישט געווען די 'בעמבוס' אזויווי היינט. האט דער טאטע ז"ל דעמאלטס געפרעגט






פון די בחורים: "מ'האט געקויפט סכך, מ'האט באצאלט?" האט מען געענטפערט אז 'יא'. האט דער טאטע ז"ל געפרעגט: "וויפיל האט מען באצאלט?" האט מען געזאגט וויפיל מ'האט באצאלט, און מ'האט צוגעלייגט אז מ'האט אביסל געהאנדעלט אויפ'ן פרייז. האט דער טאטע ז"ל געפרעגט: "וואס?! מ'האט געהאנדעלט אויף א מצוה?! מ'זאל שוין נאכלויפן באצאלן!" ס'נישט געווען אזא זאך! אפילו מ'האט נישט געהאט גארנישט פאר זיך.

**בנו ר"א דירנפעלד**: ס'ווערט געברענגט אז אויף א מצוה טאר מען זיך נישט דינגען, און די ערשטע פרייז וואס מ'בעט זאל מען צאלן, למשל אויב איינער קויפט אן אתרוג דארף מען געבן די ערשטע פרייז וואס מ'בעט. דער חידוש דא איז אז אפילו ווען מ'האט ממש גארנישט, אפילו ווען ס'איז דחקות.

**מרן שליט"א**: מ'דארף אבער האלטן אמת'דיג דערביי...

ס'איז געווען נאך אזעלכע זאכן, וואס מ'האט זיך געמוטשעט אנפאנג, למשל דער געהאלט פאר די איינגעשטעלטע, ס'איז נאך געווען דעמאלטס גאנץ אנפאנג א קליינע תלמוד תורה, מ'האט געשאפט דא דארטן עפעס צאמצושטעלן, כדי מ'זאל קענען צאלן פאר די מלמדים, ס'איז געווען אויף דעם אופן, גאנץ אנדערש ווי היינט.

דער טאטע ז"ל האט דעמאלטס גערופן אן אסיפה און געזאגט אז ער וויל מאכן א מיידל-סקול, די הנהלה האט עס נישט פארשטאנען, מ'האט אנגעקוקט דעם טאטן ז"ל: "וואס מיידל-סקול, ווען מיידל סקול... אונז האבן נישט קיין געלט צו צאלן די מלמדים?!" נאך די אסיפה האט זיך דער טאטע ז"ל אויפגעשטעלט און געזאגט אזוי: "רבותי! ס'בלייבט אז מ'מאכט א מיידל-סקול!" און דער טאטע ז"ל איז ארויסגעגאנגען...

און דאס איז געווען אין צייטן וואס מ'האט ממש נישט געהאט קיין געלט. היינט איז דאך דא אסאך גמ"ח'ן, אבער דעמאלטס איז נישט געווען אזוי, נאר ס'איז געווען איין גמ"ח וואס איך האב געהערט דעמאלטס דערפון, הרה"ח ר' יצחק אהרן קרעמער ז"ל איז געווען אן עלטערער איד, און ער האט געהאט א געלט-גמ"ח. האט דער ר' יצחק אהרן קרעמער אמאל געזאגט: "איך ווייס נישט, איך בין אסאך מאל געגאנגען נעמען געלט פון רבי'ן, פאר גארנישט האט ער נישט געהאט קיין געלט, אבער פאר מיר האט ער שטענדיג געהאט געלט!"

**השיחה נסובה אודות הביהמ"ד החדש עץ חיים בעיר פאפא יצ"ו שנשפץ לאחרונה על ידי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עם מפעל 'מורשת רבותינו', ואודות מסע הקודש 'חנוכת הבית' לקראת היומא דהילולא קדישא ב' אדר.**

**מרן שליט"א**: מ'האט עס איבערגעמאכט ווייל ס'פאלט שוין איין מחמת ישנו, ס'האט שוין נישט געקענט האבן קיין קיום, בעצם האט מען עס שוין לאנג געוואלט איבערמאכן, אבער קודם האט מען געדארפט ס'זאל אריינקומען אין אונזער רשות.

מ'האט זיך אסאך מטפל געווען מיט'ן פלאץ במשך די יארן. הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל [הרב ממאנטרעאל] פלעגט כסדר פארן, און ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע סייעתא דשמיא אז מ'איז מחמת סיבה געוואר געווארן אז די גאנצע בית עלמין איז נישט פארשריבן אויף קהל'ס נאמען נאר אויף די שטאט'ס נאמען.

מסתבר איז אזוי; לכאורה וויאזוי קען דאס זיין? ס'האט דאך באלאנגט פאר קהל? נאר איך פארשטיי אזוי, אז דעמאלטס ווען מ'האט געמאכט די בית החיים האט מען נאר געגעבן אזא רשות בעל פה, ס'איז געווען ווי איינער זאגט: "דארפסט דען שריפטן? מ'דארף נישט קיין שריפטן, ס'גוט אזוי". ממילא ביי די רעגירונג איז עס געבליבן אויף די שטאט'ס נאמען.

מ'האט דאס געכאפט מיט א סייעתא דשמיא, אז איינער פון אונזערע עסקנים האט זיך געדרייט דארטן אין די שטאט-הויז אין פאפא, האט מען דארט גערעדט אז אפשר זאל מען ברייטער מאכן די גאס נעבן די בית החיים... האט דער עסקן געזאגט אז מ'קען נישט ווייל ס'איז דא דארט די בית החיים. נאך א שמועס אהער און א שמועס אהין האט ער אויסגעפונען אז ס'איז פארשריבן אויף די שטאט'ס נאמען, אנפאנג האט ער נישט געוואלט גלייבן, אבער ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז טאקע אזוי, און ברוך ה' נאך גרויס ארבעט האט מען עס מתקן געווען און מ'האט עס איבערגעשריבן אויף אונזער נאמען.

**בנו ר"א דירנפעלד**: דער רבי ז"ל איז געפארן אמאל נאכ'ן קריג צוריק קיין אונגארן?

**מרן שליט"א**: יא, קודם איז דער טאטע ז"ל געווען דארט באלד ווען ער איז אנגעקומען קיין אנטווערפן שנת תש"ח, דער טאטע ז"ל איז געפארן ב' אדר צום יארצייט, מ'האט אים גערופן דארטן צו מחזק זיין די אידן. אונז זענען אויך געווען שנת תשל"ג, דעמאלטס איז אויך געפארן א גרויסע עולם, ס'איז נאך געווען אונטער די קאמאניסטן, ס'איז נאך געווען זייער שווער דעמאלטס.

**בנו ר"א דירנפעלד**: מ'איז מסתמא נישט צוגעגאנגען נאנט צוליב צוואת ר"י החסיד, טאמער מ'איז נישט געווען אסאך יארן.

**מרן שליט"א**: יא, דער טאטע ז"ל איז געשטאנען קעגן איבער פונדערווייטנס [טו].

**בנו ר"א דירנפעלד**: כ'געדענק נאך ווען דער רבי ז"ל איז געווען אין ירושלים עיה"ק ת"ו, כ'בין נאך געווען א קליינע בחור, כ'בין געווען ביי מנחה ערב שבת, דער רבי ז"ל האט פארגעדאווענט, און דער רבי ז"ל האט צאמגעוויינט ביי 'ולירושלים עירך' און ביי 'את צמח דוד', ביז היינט געדענק איך די בכיות! איך האב דעמאלטס געפרעגט פון איינעם אויב אין אמעריקא איז עס אויך אזוי, האט מען מיר געזאגט אז אין ירושלים איז עס אסאך מער ווי אמעריקא; עד היום הזה געדענק איך עס.

**מרן שליט"א**: ווען דער גורער רבי דער בית ישראל איז געקומען באזוכן דעם טאטן ז"ל אין ארץ ישראל, האט דער בית ישראל געזאגט אז ער האלט שוין נאכ'ן דאווענען, ממילא קען ער שוין געבן שלום, אבער דער טאטע ז"ל האלט נאך פאר'ן דאווענען, דארף ער נישט געבן קיין שלום [טז].

דער בית ישראל האט אמאל געפרעגט אויפ'ן טאטן ז"ל: "דער פאפא רב האט מנין דארט אין אמעריקא?"... האט מען אים געענטפערט אז 'יא' ער האט מנין. האט דער בית ישראל זיך אנגערופן: "א חידוש! אזא איש אמת האט מנין אין אמעריקא?"...

**כ"ק מרן שליט"א איחל להג"ר יעקב אליעזר ז"ל ברכת מזל טוב לכבוד השמחה בביתו, ובירכו לשלום.**

**טו.** כדאי לצטט מרשימותיו של המשב"ק הרה"ח רבי יחיאל האלפערט שליט"א אודות מסע הקודש שנת תשל"ג לפ"ק: אח"כ יצאנו אל הבית החיים ורבינו לא ניגש אל הציון, ואחר שישב על איזה כסא שמצאנו, שלח גם אותנו משם ברמזו: "נו נו", שלא נעמוד אצלו, ולכן לא יכולנו לשמוע מה שאמר באותה עת. ההתעוררות וההתרוממות היה גדול מאוד ואי אפשר לתאר, גודל הבכיות שהיו על הציון הק' בטח שבקעו רקיעים!

**ויצויין** מה שרשם הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל בספרו אגורה באהליך (עמוד רסד): סיפר כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל, שידוע שכ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע היה רחוק מביתו קרוב לעשר שנים במשך תקופת מלחמת העולם הראשונה, ובנדודיו במונקאטש ובשאר מקומות, שלח שולחים אל קבר אביו זי"ע בתור שלוחו של אדם כמותו כדי שלא יהא הפסק אח"כ, עפ"י הידוע שאחר שבע שנים שלא עלה הבן על קבר אביו לא יעלה יותר. וכאשר שב לביתו בשנת תרפ"ד שוב לא הלך אל קבר אביו, רק עמד מרחוק ע"פ מה שהראוהו המשמשים - כך סיפר רבינו זצוק"ל - אבל רבינו הסתפק תמיד אם הנהגה זו היא לכל הציבור או רק לעצמו החמיר. התגלגלו הדברים שרבינו נסע אל כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע ובדרכו חזרה ערך חניית ביניים בלאנדאן. שם בלאנדאן בשדה התעופה עמדו ציבור גדול שהמתינו לקבל את פניו של הרה"ק האדמו"ר מקאפישניץ זצ"ל. כשנגשו לתת שלום שמע רבינו שהאדמו"ר מתעניין בשלומו של אדם מסויים, כשענו שמצבו לא טוב, נענה האדמו"ר מקאפישיניץ: "איך האב אים געזאגט אז ער זאל נישט גיין צום קבר פון זיין פאטער". ומכיון שזימנו הדברים לאזני רבינו, שוב לא רצה ללכת לקבר אביו, וכאשר היה בעיר פאפא בשנת תשל"ג עמד על פתח האוהל ומשם התפלל.

**טז.** ברשימותיו של הרה"ח רבי יהושע דוב קאהן הי"ו נמצא: יום ה' פרשת מטו"מ תשל"ה בירושלים עיה"ק תובב"א. כפי מה שקבלנו מהמשב"ק: בהיות רבינו (שליט"א) [זצוק"ל] ביום ה' בביהמ"ד עוד לפני התפלה, נכנס האדמור [הבית ישראל] מגור (שליט"א) [זצ"ל], הוא נתן שלום לרבינו ואמר אני עומד כבר אחר סעודת שחרית לכן מותר לי להקדים ולומר שלום למר.


## חבורת קהלת יעקב בארה"ק

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

רחוב זוננפלד 38 (פינת רח' הבעש"ט) ירושלים עיה"ק תובב"א

**לדו"ד מזמור**

באנו בזה להביע מיטב ברכותינו והרגשותינו, מול האי כבוד ידידנו האהוב, נחמד ונעים לכל, עוסק בתורה שחר וערב, ידיו רב לו בפלפול התורה, מלא מדע וחכמה, עסקן נמרץ, עושה ומעשה למען החבורה הק', מסור ונתון למען קדשי בית מדרשנו בנאמנות רבה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, ה"ה

הר"ר **דוד אונגער** הי"ו

**מגבאי החבורה בארה"ק**

לרגל שמחת נישואיו למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת עם בת הרה"ח ר' **חיים אליעזר פריעדמאן** הי"ו

יהי רצון שיהיה קשר של קיימא, ויזכה לבנות בית נאמן בישראל, ולראות דורות ישרים ומבורכים, ויזכה להמשיך פעלים ולהגביר חיילים לתורה וחסידות, עדי נזכה לבנין בית המקדש השלישי, ומלכנו בראשנו אמן.

המברכים מקרב הלב: **הנהלת חבורת קהלת יעקב בארה"ק**



במשך די גאנצע געהויבענע נסיעה פון
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והפמליא:

# לעבעדיגע אפדעיטס פונעם מסע הקודש!

האלט מיט לעבעדיג די נייעס, באריכטן, דברות
קודש, און פיל נאך, במשך די וואך פונעם גייסטרייכן
הכנות און עצם ימי מסע ההוד בארצות אירופה

## כסדר'דיגע באריכטן און איבערשמועסן פונעם טאג בצל הקודש

## אויף 1←1

פונעם מעין מעניו

## צוה ישועות יעקב!

מערכת קהלת יעקב
PUPA
קו אנ"ש חסידי פאפא

718.480.7872

הערט און האט הנאה!

כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס

## שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב

בשם רבבות בני ארה"ק עניים ונצרכים, ובשם מאות לומדי הכוללים, ותינוקות של בית רבן, הננו מביעים את רגשי גיל וחדוה, ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול פני האי גדול אחד מצדיקי דורנו, מנורה הטהורה, פטיש החזק, פאר הדור והדרו, נהורא נפישא, חסידא ופרישא, שר צבא ה', מקברניטי יהודת החרדית, רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה, רבן ומאורן של ישראל, מרנא ורבנא

# הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מפאפא

## חבר נשיאות הכולל

**אשר חונה בניו יארק ומצודתו פרוסה לכוללנו הק' בקרתא דשופריא ירושלים עיה"ק ת"ו, ונושא על לבו הטהור את צעקת בני ארה"ק, להחזיקם ולהחיותם על ידי הכולל הנודע לשם ולתפארת**

לרגל השמחה הגדולה השרויה בחצר קדשו בארוסי נכדו, החתן החשוב מוכתר במעלות ובמדות טובות, יראתו קודמת לחכמתו

פרע"ח הרב **מאיר דוב בער** שליט"א

ממצוייני תלמידי ישיבה גדולה - מתיבתא קרית פאפא יע"א

בן לחתנו כש"ת הרב הגאון הצדיק המפורסם ביראתו ובצדקתו, מנהיג קהל עדתו בחכמה ובתבונה יתירה, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, פאר מקדושים

הגה"צ **רבי אהרן כ"ץ** שליט"א

רב דקהל תולדות אהרן

עב"ג בת פאר מקדושים הרה"ג שלהיו"ח **רבי ישעי' יוסף בעק** שליט"א, בן אוצר כלי חמדה פאר מקדושים הגה"צ **רבי מנחם דוב בעק** שליט"א אב"ד מאדא, וחתן אוצר כלי חמדה פאר מקדושים הגה"צ **רבי וועלוול אנפאנג** שליט"א דומ"ץ דאמבראווא

## וחסידים ברנה יגילו

**ברכת מזל טוב לכבוד התומכים הנאמנים של כוללנו הק'
הלא המה אלפי חסידי פאפא בכל מקומות מושבותיהם
הששים ושמחים בשמחת עולם על ראשיהם**

ברכותינו צרופה בזה בזכות התנא הקדוש רבי מאיר בעל הנס, יצו ה' את ברכתו למען 'יעקב' עבדו, וממעון הברכות ישפיע כל מיני השפעות טובות, צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו, ויזכה לראות בנים ובני עוסקים בתורה ובמצוות על ישראל שלום, נחת מתוך הרחבת הדעת מהתלמידים הקרוים בנים, עם רוב הצלחה וסייעתא דשמיא בכל ענינים, ששון ושמחה ישיג, ויחוש לנו פדות ועזרה, עדי יבנה בית הבחירה.

**כה דברי המברכים בחרדת קודש**

הנהלת כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס

ארה"ק - ארה"ב

# דברות קודש

**אצל מעמד צאתכם לשלום לקראת מסע הקודש תשפ"ב לעיר פאפא יצ"ו**

אחר רעווא דרעווין מוצאי שב"ק
ויקהל-שקלים תשפ"ב לפ"ק

## הכנה לנסיעה

אז מ'פארט, דארף מען דאך וויסן וואס מ'האט צו טון. ס'קומט מיר אויף זכרונות פון **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, אז ביי יעדע ציון האט דער טאטע ז"ל נאכגעזאגט מימרות פון דעם צדיק הקבור שם, סיי תנאים ואמוראים, און ביי יעדעם איינעם; פארוואס? ווייל מ'דארף האבן עפעס א קשר צו זיי.

ממילא וואלט מען אפשר געדארפט גיין נאר אויף פאפא, אבער אז ס'איז דאך שוין אזוי, זאל עס זיין אזוי, אזעלכע תאוות ווי גיין איבעראל, דאס זאל מען האבן...

אבער בעצם מיינטס נישט אז כ'בין אינגאנצן צופרידן... אין רוחניות גייט עס נישט אזוי, ווי מ'רופט עס היינט: "מ'כאפט אריין"... מ'אדווערטייזט אז אין איין פיר און צוואנציג שעה קען מען זיין ל"ג בעומר אין מירון און אין רימנוב... מ'דארף וויסן אז ס'גייט נישט אזוי! אבער אף על פי כן אז מ'גייט שוין יא, לאמיר עס שוין לאזן אזוי, זאל עס שוין זיין אזוי...

## אהבת ישראל

מ'גייט דאך יעצט צום יארצייט פון **כ"ק מרן אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע**, וויל איך זאגן צוויי נקודות. איינס, אז צדיקים האבן דאך געהאט די מדריגה אז זיי האבן נישט געבעטן פאר זיך אליינס, נאר פאר אידישע קינדער'ס וועגן.

די לעצטע יאר ביי די הייליגע טעג, האט מען דערמאנט דעם זיידן ז"ל אז ער זאל זיך אויף אינזין האבן, האט דער זיידע ז"ל געזאגט: "עה! יעצט איז נישט קיין צייט זיך צו אינזין האבן, יעצט איז דא צרות ישראל ל"ע, יעצט דארף מען מתפלל זיין פאר אידישע קינדער'ס וועגן!"

עכ"פ, א מקצת דמקצת קען מען זיך מדבק זיין אין דעם דרך, אז מ'דארף נישט בעטן נאר פאר זיך אליינס, נאר מ'דארף בעטן אויף פאר אנדערע אידן, יעדער איד האט זיך זיין צורך, כל גויה וגויה די מחסורה, זאל מען דאס מתפלל זיין עם כל ישראל צוזאמען מיט אנדערע אידן. דאס איז איין נקודה וואס מ'קען זיך מדבק זיין אינעם דרך פון זיידן ז"ל, על דרך (תנדב"א פרק כה) מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי, כאטש ס'איז מדריגות, אבער יעדע איד קען זוכה זיין צו עפעס א בחינה און א מקצת פון די מדריגה, א נגיעה צו די מדריגה, ווייל נישט נאר פאר זיך אליינס דארף מען בעטן, מ'דארף בעטן אויך פאר אנדערע אידן.

## ושמח נפשנו בישועתך

נאך אן ענין פון עבודת ה' וואס מ'קען זיך אפלערנען. אונז זאגן ביים דאווענען (תפלת שמו"ע) השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך, זיי אונז מקרב; נאך זאגט מען ביים דאווענען (תפלת שמו"ע לשב"ק) שבענו מטובך ושמח נפשנו בישועתך, אונז ווילן מרגיש זיין א טעם אין עבודת ה'.

דאס איז געווען די דרך פון זיידן ז"ל, אזוי האט ער אריינגעברענגט די מנהגים און די דרך החסידות פון תלמידי בעל שם, וואס ער האט שטארק מקבל געווען פון **כ"ק אא"ז מרן**


התאחדות אברכים

ברכות מאלופות שלוחות בזה מול כבוד האברך היקר, איש אשר רוח בו, מוכתר בכתר שם טוב, הולך תמים ופועל צדק, עושה ומעשה בכל לב ונפש לכל קדשי קהלתנו הק', עסקן נמרץ למען הכלל והפרט, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, אהוב ונחמד לכל, גברא דמרא סייעא, ה"ה

**העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו**

הרבני מוה"ר **נחום גרינוואלד** הי"ו, חבר הנהלת הקהלה

לרגל השמחה השרויה במעונו בהולדת נכדו למזל טוב

בן אצל בנו היושב באהלי שם ועבר, כלי מחזיק ברכה, מסור ונתון בכל רוחו ונפשו למען זיכוי הרבים

הר"ר **ארי' גרינוואלד** הי"ו

**עושה ומעשה למען התאחדות אברכים במסירות ונאמנות**

ובו בזמן נשגר בזה ברכת מזל טוב לכבוד אביו היקר באנשים, צדיק בכל דרכיו חסיד בכל מעשיו, הרה"ח המפו' ר' **עמרם יודא גרינוואלד** שליט"א מזקני חשובי קהל עדתנו

יעזור השי"ת שיזכה לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבת הדעת דקדושה, ויתברך משמי מרום עם חיים ברכה שמחה ושלום, ויזכה להמשיך עם עבודתו בקודש לזכות את הרבים, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ומלכנו בראשנו אמן.

**הערוגת הבשם זי"ע**, וואס איז געווען ממש פון די תלמידי בעל שם, אזויווי צדיקים האבן געזאגט - **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט אזוי געזאגט - אז דער ספר ערוגת הבשם איז פון ספרי תלמידי בעל שם. אז מ'קוקט אריין אינעם ספר, זעט מען ווי שטארק מ'האט זיך געקאכט אין ספרי תלמידי בעל שם, כידוע.

וויאזוי האט דער זיידע ז"ל אריינגעברענגט די דרך פון תלמידי בעל שם? אלעס דורך קירוב! מ'האט אריינגעברענגט א התקרבות און א טעם, מ'זאל שפירן א טעם דערין.

ווען א איד זעצט זיך לערנען און ער טראכט: "עה; וואסערע טעם האב איך אין דעם ספר, וואס קען איך שוין דען זוכה זיין צו דעם"; אבער מיר בעטן שבענו מטובך ושמח נפשנו בישועתך.

דאס איז דער יסוד וואס קען אונז האלטן שטארק קעגן די אלע נסיונות, דורכדעם וואס מ'שפירט א הערצעקייט אין עבודת ה', מ'שפירט א הערצעקייט און א טעם פון תורה, א טעם פון עבודה, א טעם פון טון א טובה פאר א צווייטן איד, דאס איז מדחה אלעס! דאס איז די שטערקסטע זאך קעגן די אלע נסיונות!

היינט לעבט מען דאך אין א וועלט צווישן גוים, מיט אזעלכע שטארקע גרויסע נסיונות, וואס ס'בלאזן שווערע ווינטן איינדרויסן אין אלע ענינים פון אידישקייט, סיי פאר זיך און סיי פאר די דורות; די שטערקסטע כח אויף דעם איז 'שבענו מטובך ושמח נפשנו בישועתך', אז א איד זאל דאס מרגיש זיין און שפירן.

באופן זה וועט זיין לעכטיג ביי אידישע קינדער, און אודאי און אודאי וועט אלעס פארשוואונדן ווערן; און ס'וועט געהויבן ווערן די בטחון פון אידישע קינדער, וואס די אמונה און בטחון וועט ווייטער ברענגען ישועות, און מיר וועלן זוכה זיין צו ישועות כל ישראל און צו די גאולה שלימה בב"א.

*

# דברות קודש

## כהכנה לנסיעה אצל מעמד צאתכם לשלום לקראת מסע הקודש תשפ"ד לעיר פאפא יצ"ו

אחר רעווא דרעווין מוצאי שב"ק יתרו תשפ"ד לפ"ק

### שמירה בדרך

ס'שטייט אין פסוק (תהלים קיט, א) אשרי תמימי דרך. צדיקים האבן געזאגט אז דינען דעם אויבערשטן אינדערהיים איז גרינגער, און אז מ'פארט אויפ'ן וועג איז שווערער, דארף מען דאך האבן שמירה אויפ'ן וועג, און דאס איז דער ענין פון מצות לויה, אז ווען איינער גייט ארויס אויפ'ן וועג דארף מען אים באגלייטן, און דורך זיך מקשר זיין מיט'ן כח המשלח איז עס א שמירה אז מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן אויפ'ן וועג אויך.

איינער פון די זאכן וואס מ'דארף וויסן ווען מ'גייט ארויס איז, אז א איד גייט ארויס אויפ'ן וועג, דארף מען זיך צוגרייטן זיינע זאכן וואס מ'דארף; מ'מאכט דאך 'אינשורענס' אז מ'זאל נישט געשעדיגט ווערן אויפ'ן וועג... דארף מען אויך האבן זיינע זאכן ברוחניות.

די ערשטע זאך איז, אז מ'זאל זיך מיטנעמען ספרים, מ'זאל אריינקוקן אין ספרים, רעדן וואס מ'דארף צו רעדן, רעדן פון סיפורי צדיקים, און גיין מיט אן ערליכע כוונה.


בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, האברך היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, ה"ה

העסקן הנמרץ

הרב **ארי' בר"נ גרינוואלד** הי"ו

מחשובי לומדי כוללינו הק' 'אהל יוסף' במאנסי

**יו"ר ארגון הקדוש "רוממתנו"**

לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

המברכים בכבוד הראוי

**הנהלת ארגון רוממתנו**

און אודאי פון די שטערקסטע נסיונות איז אז מ'דארף זיך היטן די אויגן, וואס אויף שמירת עינים אויף דעם איז דאך דא א געוואלדיגע נסיון די גאנצע וועג. מ'דארף דאהי אויך האבן שמירת עינים, און אודאי ווען מ'גייט אויפ'ן וועג, דארף מען אודאי און אודאי האבן שמירת עינים.

## התקשרות הקרובים והרחוקים

אודאי און אודאי די אלע וואס זענען זיך משתתף דארפן זיך צוגרייטן צו דעם מיט א זהירות, און אזוי האפט מען מיט'ן אויבערשט'נס הילף, מיט די כח פון די משתתפים און די ריבוי העם דער ציבור, און אזוי אויך די וואס זענען דארט 'במחשבה', העלפן צוזאמען צו צום כח הרבים, און זיי העלפן צו צו דעם אז מ'זאל אודאי מצליח זיין, און פועל'ן וואס מ'דארף צו פועל'ן.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מ'זאל האבן גע'פועל'ט כל מיני ישועות פאר'ן גאנצן ציבור, מיט'ן כח הרבים, און מיט'ן כח און זכות פון אונזערע עלטערן, וואס דאס העלפט אודאי צו צו דעם, זאלן מיר זוכה זיין צו כל מיני ישועות און צו די גאולה שלימה בב"א.

*

# דברי התעוררות והשתפכות

### אצל ציון הק' של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע אצל מעמד נורא "ויהיה זרעי" ערב ראש חודש סיון במסגרת מסע התורמים 'מצמיח ישועות'

יום ה' במדבר תשפ"ג לפ"ק

## הכנה למקום קדוש

אונז ווייסן דאך אז פאר מ'קומט צו א מקום קדוש, דארף מען די ערשטע זאך מהרהר בתשובה זיין. ווייל די תכלית פון קומען אהער איז דאך זיך צו מקרב זיין צו די קדושה; דארף מען דאך קודם א הכנה, אזויווי איידער מ'איז אריינגעקומען צום בית המקדש האט מען געדארפט א הכנה, דארף מען דא אויך קודם א הכנה, דאס איז די ערשטע זאך.

## האספו ואגידה

אונז זענען מתפלל (יהי רצון אחר אמירת כל ספר תהלים) ותגדלם לתורתיך ללמוד תורה לשמה. לכאורה וויאזוי גייט דאס, אונז האבן דאך א קיימא לן (ברכות לג:) הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. נאר צדיקים זענען יא משפיע עניני הנשמה, אזויווי ס'שטייט אין פסוק (בראשית מט, א) האספו ואגידה לכם, טייטשן ספרים הקדושים אז יעקב אבינו האט געזאגט 'האספו' זאמלטס ענק איין, 'ואגידה', אגידה איז א לשון פון המשכה, דהיינו טוטס ענק איינזאמלען צו א דבר שבקדושה, האלטס ענק צוזאמען, און דורכדעם 'ואגידה לכם' וועל איך ענק ממשיך זיין, און מקשר זיין צו מיר. אזוי שטייט אין ספרים הק'.

## מכוחו של אותו צדיק

יעקב אבינו איז דאך געווען עמוד התורה, אברהם איז דאך חסד, יצחק איז עבודה, און יעקב אבינו איז תורה, אודאי און אודאי על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל עבודה ועל גמילות חסדים (אבות א, ב), אבער כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו (יבמות קט:), ממילא קומט אויס לפי זה, אז יעצט ווען אונז ווילן האבן א שייכות צו אונזער זיידע זכרונו לברכה, דארפן מיר דאך וויסן אז מ'איז זיך מקבל אז מ'וועט גיין אין די דרכים וואס ער האט אונז צוגעצויגן.

אזויווי דער זיידע ז"ל האט דאך בחיים חיותו מקרב געווען אידישע קינדער, ער האט נישט געלעבט פאר זיך, ער האט נאר געלעבט צו מקרב צו זיין די הערצער פון אידישע קינדער צום אויבערשטן, און אזוי האט ער מקרב געווען אידישע קינדער, ער האט יעדעם איינעם מקרב געווען! מיט דעם האט ער זוכה געווען מעמיד צו זיין 'הרבה הרבה הרבה תלמידים' יראים ושלימים, און אונז גייען אויך מיט זיין כח; אונזער כח און אונזער עקזיסטענץ וואס אונז קענען דינען דעם אויבערשטן, און וואס אונז קענען זוכה זיין צו פירן אידישע שטובער, און ווייטער מרביץ תורה זיין, און זיך פירן בדרך התורה והיראה, דאס אלעס איז אויך פון זיין כח.

## בית יעקב אש ובית יוסף להבה

ס'שטייט (עובד' א, יח) והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה, פייער איז א קליינע זאך, קודם הייבט זיך עס אן אש, דארט האט זיך אנגעהויבן די פייער ביים זיידן ז"ל, און נאכדעם ממשיך צו זיין ווייטער, באגלייט אים די להבה, די בית יוסף להבה, וואס דער טאטע ז"ל האט דאס ממשיך געווען למרחוק; להבה איז א פלאם, דאס ווייזט אז אין די אש איז אויך געווען באהאלטן די גאנצע פלאם, ווייל יעדע זאך האט דאך זיין שורש, און אין די פלאם איז דאך נכלל די כח פון די להבה, אלעס קומט דאך פון זיינע כוחות.

## תלמידים קרוים בנים

ס'שטייט דאך (רש"י דברים ו, ז) אז תלמידים קרוים בנים, בפרט ווען ס'קומט צו צדיקים, וואס ביי צדיקים איז דאך אודאי און אודאי עיקר תולדותיהם של צדיקים איז דאך מעשים טובים (רש"י בראשית ו, ט), דאס מיינט מען דאך די בנים תלמידים רוחניים.

ממילא קען מען זיך טרויען צו בעטן פון זיידן ז"ל מיט'ן כח פון רבים, וואס אונז אלע זענען דאך פון תלמידים און תלמידי

תלמידים, את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, אז וואס אונז ווילן ווייטער איז צו גיין אין די דרכים, אונז ווילן ווייטער לערנען תורה מיט יראת שמים, אונז ווילן ווייטער לערנען תורה מיט אידישע קינדער און זיך האלטן קעגן די אלע גרויסע ביטערע שווערע נסיונות, אונז ווילן פירן אידישע שטובער בדרך התורה והיראה אינגאנצן אזויווי עס דארף צו זיין בשלימות.

אין דעם תפלה (תפלת השל"ה הק') בעט מען מען דאך סיי אויף עניני הגוף און סיי אויף עניני הנשמה, ווייל דיביידע זענען דאך קשורים זה בזה, די גופים דארפן האבן געזונט כדי מ'זאל קענען דינעם דעם אויבערשטן, מ'זאל קענען לערנען תורה, און מ'זאל קענען מוסיף זיין מצות ומעשים טובים, צו דעם אלעם דארף מען דאך האבן געזונטע גופים, און צו האבן א געזונטע גוף קען מען נישט נאר אז מ'דינט דערמיט דעם אויבערשטן, ווייל אונז גלייבן דאך אלע אז דער אויבערשטער האט אונז באשאפן אים צו דינען

און דאס אלעס איז מיט די כח פון 'הרחק לא תרחיקו ללכת העתירו בעדי' (שמות ח, כד), ווי דער הייליגער תפארת שלמה טייטשט (פ' וארא ד"ה רק הרחק) 'הרחק לא תרחיקו ללכת', אז צדיקים וואס גייען ארויף די עולמות עליונים זאלן נישט גיין צו ווייט, הרחק לא תרחיקו ללכת! זיי זאלן אונז נאך געדענקען!

## אב מבין בצרכי בנו

בפרט אויב תלמידים קרוים בנים, און ווען מ'קומט צו די עלטערן טוען זיך די הערצער פון די קינדער עפענען, און די הארץ שרייט ארויס: "איך דארף אלעס וואס איך דארף!" און דער טאטע ווייסט שוין וואס ס'פעלט פון הארץ; אמאל קען מען נישט אינגאנצן אלעס ארויסזאגן, אבער די הערצער עפענען זיך, און מ'קען פועל'ן וואס יעדער איינער דארף האבן, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, בריאות הנפש און בריאות הגוף, אלע וואס דארפן כל מיני ישועות, נישט קיין נפקא מינה וואס ס'זאל נישט זיין, זאל מען זוכה זיין טאקע דערצו, וואס אונז גלייבן דאך אז גדולים צדיקים במיתתן (חולין ז:), פארוואס? ווייל דאס איז בלויז רוחני! ברוחניות טוען זיי אראפשיינען פאר אונז מיט זייער קדושה, בעטן מיר טאקע אז מיר זאלן זוכה זיין דערצו.

בפרט יעצט אז מיר קומען זיך דא צוזאם ביום ערב ראש חודש סיון, וואס ס'איז א זמן פון קבלת התורה, איז עס דאך ווייטער א זמן פון התעוררות, זענען מיר געקומען דא זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן זיידן ז"ל, וואס א טאטע קען די שפראך פונעם הארץ פון א קינד, ווייסט מען דאך אליינס וואס ס'פעלט אלץ פון אונז, און צדיקים פלעגן צו זאגן אז מ'פלעגט אריינצושרייבן אין א קוויטל צום רבי'ן נאר 'הצלחה', און דער צדיק ווייסט שוין וואס מ'דארף.

דער זיידע ז"ל ווייסט דאך וואס מיר דארפן, אמאל קען מען נישט אלעס מתפלל זיין, אבער בפנימיות שפירט מען אז ס'פעלט דאס און ס'פעלט יענס, וועט מען אודאי זוכה זיין צו פועל'ן אז מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן אזויווי עס דארף צו זיין בלי שום צער ובלי שום עגמת נפש, יעדער איינער לפי צרכו, ס'זאל פאר קיינעם גארנישט פעלן, און מיר זאלן זוכה זיין ווייטער מגדל צו זיין אונזערע קינדער און פירן די שטובער.

מיר זאלן קענען זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקנו, ס'זאל זיין הקיצו ורננו שוכני עפר (ישעי' כו, יט), מ'זאל קענען גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.


נתייסד על ידי כ"ק
מרן אדמו"ר שליט"א
במטרה לחזק ילדי
תשב"ר להתנהג בדרך
הסלולה לנו מרבותינו
הק', ובמיוחד להתרחק
מנגע ה'טעכנעלאגיע'

באנו בזה להביע רגשותינו הכרת הטוב מול הני אנשי שלומינו החשובים
שתרמו ונדבו בעין יפה ובלב טוב, לטובת מפעלי הארגון הקדוש "רוממתנו"

~ פרנס השבוע ~

הר"ר **יוסף בר"ד ברי"**
**אבערלאנדער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו

~ פרנסי חצי שבוע ~

פרע"ח הרב **שלמה**
**פריעדמאן** שליט"א

~ פרנסי היום ~

הר"ר **יעקב ישראל מענצער**
הי"ו לרגל הולדת בנו
הר"ר **זלמן לייב שטארק**
הי"ו לרגל הולדת בנו
הר"ר **משה שלום לאווי**
הי"ו לרגל הולדת בנו
הר"ר **יצחק גאמבא** הי"ו
הר"ר **אברהם בראה"ז קויפמאן**
הי"ו לרגל הולדת בתו

יברכם השי"ת וישפיע עליהם ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים
בתורה ובמצות על ישראל שלום, ונזכה כולנו להטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה, ועל ידי
זה ישפע שפע רב בכל העולמות, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

## מה שסיפר הרה"ח ר' **מרדכי יודא אבערלאנדער** ז"ל[א]

### ירח האיתנים בצל הקודש

**זכיתי** ללמוד ולהסתופף בצל קדשו של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע החל מתחלת שנת תרפ"ט, כאשר הגיע מרן הויגד יעקב מעיר הוניאד לעיר פאפא בחודש אלול שנת תפר"ח.

**הגעתי** לעיר פאפא ממחרת ראש השנה ביום צום גדלי', ונכנסתי אל הקודש פנימה לקבל שלום ולהירשם לישיבה. מרן הויגד יעקב שהגיע אז לעיר פאפא, עדיין לא הכיר את כל קהל עדתו, ולכן חשב מתחלה שאני אחד מבני העיר, אמנם אמרתי למרן הויגד יעקב מי אני ומאין באתי.

**משׁשמע** זאת מרן הויגד יעקב, שאל אותי: "וואס טוסטו דא אין פאפא אזא צייט?" עניתי ואמרתי: "כ'בין געקומען לערנען אין רבינ'ס ישיבה". שוב שאל אותי מרן: "דער זמן הייבט זיך דאן אן הערשט ראש חודש חשון, פארוואס ביזטו שוין געקומען?" אמרתי למרן: "ווייל כ'וויל מיטהאלטן דעם רבינ'ס עבודה פון די הייליגע טעג".

**מה** שאמרתי, הוטב מאוד בעיני מרן הויגד יעקב, לראות בחור שיש לו רצון טוב כל כך לקבל ולשמוע, ולכן אמר לי: "וויבאלד דו ביזט געקומען פריער, האסטו געוויזן דערמיט אז דו ווילסט טאקע לערנען, דערפאר ביזטו שוין אנגענומען אין ישיבה"... אמרתי למרן שאני רוצה להביא גם חבירי ללמוד יחד אתי בישיבה, ומרן הסכים ואמר שיקבל אותנו.

**לשמחתי** לא היתה גבול וקץ, שברוך ה' זכיתי להתקבל בהישיבה הק', ולישא חן בעיניו הטהורים של מרן הויגד יעקב.

**בימי** בין הזמנים הייתי נוהג לחזור הביתה ולשהות שמה לשבוע אחת, ותיכף חזרתי לפאפא לשבות בצל הקודש על הימים טובים. לאחר פטירת אבי ז"ל, ביקשה אותי אמי ע"ה שאשאר בבית על יו"ט, כי הייתי בן הצעיר בהמשפחה, אמרתי לאמי: "אפשר קומסטו אויך קיין פאפא, צו זיין יום טוב ביים רבי'ן?" אמי לא חשבה שתוכל למלאות את בקשתי להיות סמוך על שלחן אחרים בימי ימים טובים, אבל בסופו של דבר הסכימה לבא על יום הקדוש, שאז ממילא אין אוכלים, ונמצאים בבית המדרש כל היום.

**אחר** יום הקדוש, לאחר שראה אמי את עבודת הקודש של מרן הויגד יעקב במשך היום, את ההתלהבות הנוראה בדרשת כל נדרי ואת התפלות הנרגשות, אז הבינה במקצת דמקצת מה זה יום טוב בצל הקודש של מרן, ואז פנתה אלי ואמרה לי: "מיין קינד; דו גיי נאר צום רבי'ן אויף יום טוב!"

### כשם שהתלמיד קרוי בן כך הרב קרוי אב

**כשהגעתי** לגיל שהייתי צריך להתייצב לצבא, נכנסתי אל הקודש פנימה לכ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע וביקשתי שיברך אותי שלא אצטרך לשרת בצבא, כי ידוע שמרן הבטיח לכמה בחורים שלא יצטרכו לשרת בצבא; מרן הויגד יעקב אמר לי אז: "כ'קען דיר נישט צוזאגן, אבער א סאלדאט וועסטו נישט זיין!"

**שאלתי** ממרן: "וואס זאל איך יעצט טון?" ענה לי מרן, שאסע מן הישיבה עד יעבור זעם. שאלתי שוב: "וואו זאל איך פארן? נענה מרן הויגד יעקב: "האסט דאך משפחה אין 'קניזשע', פאר אהין". שהיתי שם בעיר 'קניזשע' למשך שתי שנים, ואחר כך נודע לי שהסכנה כבר אינה גדולה כל כך, וחזרתי לעיר פאפא.

**כאשר** נתן לי מרן הויגד יעקב 'שלום', אמרתי בהתרגשות: "כ'האב געמיינט אז דער רבי וועט מיר נישט דערקענען נאך צוויי יאר"... השיב לי מרן: "ווען עטץ וואלטס געוואוסט וויפיל כ'האב אינזין מיינע תלמידים, וואלט עטץ מער געקומען צו מיר!"

---

**א.** נדפס בבטאון אור חדש כסליו תשס"ב.

**בשנת** תרח"צ כשהיה נראה שקיים אפשרות גדולה שיתפסו אותי לצבא, החלטתי בדעתי שאני רוצה לעלות לארצנו הק'. אמנם אמי ע"ה התנגדה מאוד לזה בכל התוקף, עקב היותי הצעיר שבמשפחה ודאגה מאוד בעבורי.

**באותו** עת נזדמן כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בבית החולים בעיר פעסט, ואמי דחפה אותי שאכנס אל הקודש פנימה למרן הויגד יעקב לשאול אותו כדת מה לעשות. שאלתי מאמי: "אויב דער רבי וועט מסכים זיין דערצו, וועסטו אויך מסכים זיין?" ואמי הסכימה לקיים מה שיורה מרן הויגד יעקב על זה כדת מה לעשות.

**כידוע** לא היה ניחא ליה למרן הויגד יעקב בדרך כלל שיסעו מאירופה לארה"ק או לארה"ב, ולכך יעץ לי אחד מידידי, שאציע את השאלה לפני מרן באופן כזה כדי שיסכים שאסע... כמובן שלא קיבלתו הצעתו... ואף אמרתי לו: "דאס קען נישט ממילא נישט זיין! דו קענסט נישט דעם רבי'ן; דער רבי וועט זיך נישט אוועקרירן פון וואס ער האלט".

**הגעתי** לבית החולים ביחד עם אחי הרה"ח ר' אליעזר אבערלאנדער ז"ל. כאשר נכנסתי לחדר קדשו, הושיב מרן את עצמו על המטה, והיה לו קורת רוח בראות אותנו. אמרתי למרן שבאתי להציע איזה ענין ולשמוע חוות דעתו הק', מיד נענה מרן כדרכו בקודש: "נו!" אמרתי שברצוני ליסע לארה"ק. שאל מרן על זה: "נו?" היינו מדוע אתה רוצה ליסע; השבתי: "ס'איז שוין דורך אפאר יאר וואס כ'דארף איינרוקן אין מיליטער, און כ'שפיר אז אז טאמער מ'וועט מיר יעצט כאפן וועט זיין ח"ו ביטער".

**שאל** אותי מרן הויגד יעקב: "צי האסטו דארט אין ארץ ישראל א חבר אדער א קרוב?" עניתי: "כ'האב דארט אסאך חברים, אבער אף על פי כן פארלאז איך מיר אויפ'ן אויבערשטן, מאן דיהיב חיי יהיב מזוני". שוב שאל אותי מרן: "אויב וועסטו דארפן שלאפן אין בית המדרש, און ארבעטן עבודת הפרך, למשל טראגן און אויסגראבן שווערע שטיינער; ביזטו אויך מסכים צו פארן?" עניתי שבודאי לכתחלה ברצוני למצוא פרנסה קלה ונקיה, אולם אם לא תהיה ברירה אחרת, אעשה כל מה שבידי לעשות.

**אחי** ר' אליעזר ז"ל הביע לפני מרן את דאגת המשפחה מפני נסיעתי, והוסיף שאפשר להתקלקל על ידי פגעי הזמן והנסיונות שהיו אז בארה"ק, אמנם מרן הויגד יעקב אמר: "איך קען מיינע תלמידים!" אולם הוסיף ואמר לי: "איין זאך זאלסטו וויסן, דו זאלסט דיר מדבק זיין אין ערליכע אידן!"

**הציע** אחי לפני מרן, שמקודם אתחתן ואקים בית בישראל, ורק אחר כך אסע לארה"ק, מרן התייחס לדברי אחי, ופנה אלי ושאל אותי: "נו; בן שמונה עשרה לחופה?" השבתי שאני מסכים לזה, אמנם איננו יודע מה יעלה בגורלי בארץ ישראל, ומה אעשה כשאגיע לשם ולא יהיה לי דירה, הלא בלתי אפשרי לישון בביהמ"ד אחר החתונה. מרן הויגד יעקב הרכין בראשו לדברי, והסכים שאסע, והרעיף עלי טללי ברכות לרוב שאצליח בכל אשר אפנה.

**כשחזרנו** לאמי ע"ה ונודע לה שמרן הסכים שאסע, אמרה לי אמי: "כ'האב טאקע געזאגט אז וואס דער רבי זאגט וועל איך מסכים זיין, אבער מיט דעם אלעם נעמט דאס נישט אוועק פון דעם, אז כ'וועל נאכאלס האבן א צעבראכן הארץ טאמער דו פארסט". משמשמעתי זאת מובן מאליו שלא נסעתי.

**אמנם**, אני בטוח שהברכות הללו של מרן הויגד יעקב היו לי למגן ולמחסה כל שנות השואה, ובזכותן ניצלתי מעמק הבכא בשנות המלחמה הנוראה, "דעם רבינ'ס ברכות האבן מיר ביים לעבן געהאלטן!"

*



## סיפר הגה"צ רבי **יעקב יצחק ניימאן** זצ"ל הרב ממאנטרעאל:

**בתחלת** בואו של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע לעיר פאפא לכהן ברבנות בק"ק עדת ישראל, היה שם אחד מאנשי העיר פאפא שהתנגד לבואו של מרן הויגד יעקב; עד כדי כך, שבעת שהלך מרן הויגד יעקב לבית המדרש בליל כל נדרי, בא נגדו יהודי הזה, ובראותו את מרן בא לנגדו, עבר לצד האחר של הרחוב...

**משהבחין** מרן הויגד יעקב בזה, עבר הוא גם כן לצד האחר של הרחוב, ואיחל את היהודי במאור פנים עם רוב ברכות ואיחולים לקראת השנה. לבסוף נתהפך אותו יהודי לחסיד נלהב מקושר בלב ונפש אל מרן הויגד יעקב. פעם שח מרן הויגד יעקב אודות זה, ואמר לי: "זעסטו יעקב יצחק! מ'דארף זיין צו יעדעם גוט, און צום סוף וועט שוין אלעס ווערן גוט". (מפי איש אמונו הרה"ח ר' יוחנן הערצאג הי"ו).

##### בדרכי החינוך

## סיפר המחנך הרה"ג ר' **חיים הכהן פריעדמאן** שליט"א:

**זקיני** הרה"ח ר' אברהם יצחק הכהן פריעדמאן ז"ל היה תלמיד מובהק של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע. ואשרטט פה שני נקודות מה שסיפר לי בהזדמנות אודות דרכי החינוך של מרן הויגד יעקב.

**פעם** הייתי מעורב באיזה ענין, שהיה נוגע לבחור חריף ומצויין, אשר להמגיד שיעור בישיבה הטריד לו החריפות המופלא של הבחור, ולא נתנו לו להתפתח שם על פי דרכו. משמשע זקיני מהנעשה, קרא אותי ואמר לי: "איך האב ביי מיין רבי'ן אנדערש געזען! ביי מיין רבי'ן, ווען ס'איז געווען א גוטע בחור אין ישיבה האט ער אים גרויס געמאכט; הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל איז געווען אין ישיבה, האט אים דער רבי געהייסן פארלערנען שיעורים; דער רבי האט אים גרויס געמאכט, און אודאי נישט געשטערט!"

**עוד** הוסיף לי זקיני לספר אודות סדר המבחנים של מרן הויגד יעקב, שהיו לומדים וחוזרים על הלימודים במשך כל ליל ד' אור ליום ה' ובמשך כל יום ה', ובליל שישי התחיל מרן הויגד יעקב לבחון את הבחורים. דרכו של מרן הויגד יעקב היה שלא שאל רק למי שידע שיוכל לענות על שאלתו, והפטיר זקיני: "דער רבי האט מיר קיינמאל נישט פארהערט, נאר טאמער ער האט געזען אויף מיר אז כ'האב וואס צו ענטפערן". (מתוך דרשה למחנכים במוסדותינו הק' במאנסי ב' בא תשפ"ד).

##### לב טוב

## סיפר הרה"ח ר' **בנימין אליעזר מאנדל** ז"ל:

**פעם** בערב יום הקדוש מסר לי כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע סכום גדול, ופקד עלי לילך לבית הדואר ולשלחו לאיזה עניים שבעיר. מרן הויגד יעקב לא כתב על המעטיפה שם המשלח, ושאלתי ממרן אם אכתוב על המעטיפה שהם ממרן; השיב לי מרן: "שרייב גארנישט; שרייב נאר אז ס'קומט פון א לב טוב"...

##### ויתן ויחזור ויתן

## סיפר הגה"צ רבי **יעקב יצחק ניימאן** זצ"ל הרב ממאנטרעאל:

**פעם** אחת שבת הגה"ק רבי אהרן זילבערשטיין זצ"ל אב"ד בעלעד חדב"ן מרן הערוגת הבשם זי"ע, בצל הקודש של גיסו כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע על שב"ק פרשת תולדות. מרן הויגד יעקב כיבד את גיסו להגיד דברי תורה אצל סעודת שלישית, מתחלה סירב, ואח"כ נתרצה להגיד דברי תורה.

**הגה"ק** מבעלעד פירש בתוך דבריו את הפסוק (בראשית כז, כח) ויתן ויחזור ויתן ופירש"י יתן ויחזור ויתן, היינו שאחר שמקבלים טובה מאת הקב"ה צריכים לשוב אל ה' ולפשפש במעשיו אם הוא אכן ראוי לכך, ואז יתן לו הקב"ה עוד טובה.

**הדברים** נראו מאוד בעיני מרן הויגד יעקב, ופנה אל גיסו ואמר בהתרגשות: "אזא טייערע פשט האסטו געוואלט צוריקהאלטן פון מיר?!" (מתוך הסכמה לספר לחמי ברכה).

##### על החולים שיתרפאו

## סיפר המשב"ק הרה"ח ר' **בנימין האפפמאן** שליט"א:

**זקיני** הרה"ח ר' אליעזר דוד האפפמאן ז"ל היה גר בעיר פאפא, והיה אדוק ומקושר אל כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע. בתקופה מסויימת אירע שנשתתק יד ימינו ל"ע.

**פעם** בשב"ק בעת עריכת שלחן הטהור של מרן הויגד יעקב לכבוד סעודת שלישית, הושיט מרן הויגד יעקב את ידו לזקיני ר' אליעזר דוד לברכת לחיים, אז קרא זקיני ואמר למרן ברגש: "הייליגער רבי! ליידער איז מיין האנט געלעמט, קען איך נישט געבן לחיים פאר'ן רבי'ן"

**משמשע** מרן הויגד יעקב את דבריו, אחז את יד זקיני, ויהי אך עשה כן מרן, ונתרפא ידו לגמרי.

##### שלחנות הטהורות

## סיפר מוה"ר **משה מרדכי שפירא** הי"ו:

**אבי** הרה"ח ר' שמעון שפירא ז"ל היה אדוק ומקושר אל רבו המובהק כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע. הוא נסע לארצות הברית עוד לפני שנות השואה, וכל ימיו נשארה צורת רבו המובהק חקוקה בלבו, ולא מש מזכרונו.

**פעם** שאלתי את אבי: "טאטע; וויאזוי האסטו דיר געהאלטן אזוי שטארק ביי אידישקייט די אלע יארן אין אמעריקא?" השיב לי אבי: "ווען כ'האב מיר דערמאנט פון די הייליגע טישן פון מיין רבי'ן דער ויגד יעקב, דאס האט מיר דערהאלטן ביי אידישקייט!"

### ציון המצויינת

## סיפר הרה"ח ר' **מנחם הכהן לאווענשטיין** הי"ו:

**לאחר** המלחמה כשהיה אבי הגה"ח ר' שמעון חיים זצ"ל רב בעיר פאפא יצ"ו, בא אליו אחד מתושבי העיר פאפא עם בכי תמרורים, שבנו חלה קשות ואין תרופה למחלתו. אבי פקד עליו שילך על ציון הק' של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע ויקבל על עצמו איזה קבלה טובה שיהא לזכות בנו לרפואה שלימה.

**בלילה**, חלמה אשתו של היהודי - אם הילד, איך שמרן הויגד יעקב מתראה אליה בחלום, ואומר לה: "גיי קוק וואס דיין זון מאכט; ער שפירט שוין בעסער!" ואכן מה שאמר כן היה, שמצבו נשתנה בכי טוב, והעלה ארוכה ומרפא למחלתו[ב].

### ממלא מקומו בקודש

## סיפר הרה"ח ר' **דוד לעבאוויטש** ז"ל:

**זכיתי** להסתופף בצל הקודש של כ"ק מרן זצוק"ל ביום הקדוש שנת תש"ב לפ"ק, כחצי שנה אחרי הסתלקות כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע. נסעתי אז בערב יום כיפורים עם רכב אופניים מעיר מולדתי בעלעד לעיר פאפא, כדי להסתופף בצל הקודש.

**הדברות** קודש בעת דרשת כל נדרי היו עם בכיות נוראות, כשדמעות זולגות מעיני מרן ז"ל. זכורני שבין הדברים צעק מרן ז"ל בקול של בכי: "רבונו של עולם! ווי קום איך דא צו שטיין אויפ'ן טאטנ'ס פלאץ?!" ובאמרו את הדברים פרץ כל הציבור בבכי תמרורים.

**ב.** ג' עובדות האחרונות נעתקו מתוך קובץ 'עדות משמיעות' שיצא לאור לרגל דינער השנתי לטובת רשת מוסדותינו הק' בא' מהשנים.

### המקושרים לאילנא דחיי

## סיפר הרה"ח ר' **אברהם שמואל גראס** ז"ל:

**בתקופה** מסויימת לאחר מלחמת העולם, שהיתי בצל כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל בעיר בוקארעסט, ביחד עם קבוצת חברים הגה"צ רבי שמואל אפרים זלמן אונגער זצ"ל ראב"ד שיכון סקווירא, הרה"ח ר' שמואל פארגעס ז"ל, והרה"ח ר' יצחק שלמה גרינוואלד ז"ל, כולם תלמידים מובהקים שזכו להסתופף ולהתאבק בעפר רגליו של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע, ושם הוקמה מעין ישיבה בחצרו של האדמו"ר מסקווירא.

**חבה** יתירה היתה לו להאדמו"ר מסקווירא כלפנו, עקב היותנו תלמידים למרן הויגד יעקב, ועל אף שהאדמו"ר מסקווירא לא הכירו מעולם מקרוב, היה מעריכו ומוקירו ביותר. הוא היה רגיל לומר לנו: "אז מ'זעט זיינע תלמידים אלע מיט בארד און פיאות תיכף נאכ'ן קריג, האט ער געמוזט זיין אן אמת'ן ירא שמים, און א גרויסער ערליכער אידן!"[ג]

### מליבא לפומא לא גליא

## סיפר הרה"ח ר' **יהושע קלמן גאלדבערגער** הי"ו:

**שמעתי** פעם מפה קדשו של כ"ק מרן זצוק"ל שאמר: "דער טאטע ז"ל (מרן הויגד יעקב זי"ע) האט געהאט דריי ענינים; איינס וואס די המון עם האט נישט געוואוסט דערפון, צווייטנס וואס אויך די מקורבים האבן נישט געוואוסט דערפון, און דריטנס וואס מליבא לפומא לא גליא!"

**עוד** שמעתי מפה קדשו של כ"ק מרן ז"ל, פעם כשחל יומא דהילולא קדישא ב' אדר בשב"ק, ובליל שב"ק בשלחן הפירות שח מרן ז"ל בגודל קדושת אביו מרן הויגד יעקב, כשבין הדברים התלהב מרן ז"ל ואמר: "צדיקים האבן געזאגט אויפ'ן טאטן ז"ל גרויסע זאכן!"

(בטאון אור חדש שבט-אדר תשס"ד).

**ג.** מתוך ספר לפרקי חייו של ר' אברהם שמואל גראס ז"ל.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)


**כל הזכיות שמורות ל'מערכת קהלת יעקב' דחסידי פאפא**

**718.480.7872**

**צו באקומען די גליון אויף אימעיל, ווי אויך די פארגאנגענע גליונות:** gilyon@bakodeshpenima.org

**ארייניצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**

**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג